בעזהשי"ת

גליון מ"ד
עש"ק פ' ראה - כ"ו מנחם אב תשפ"ד לפ"ק

נא שלא לקרותו בשעת תפילה וקריאת התורה


# דורותינו



א פלאטפארמע פאר אייך -איבער אייערע דורות


הפצה נתנדב ע"י:

הרב ר' יואל יעקב מייזליש שליט"א
לרגל הולדות נכדו למז"ט

הרב ר' יואל אבראהאם שליט"א
לרגל נישואי בתו למז"ט

הר"ר שמחה ישראל קעפעטש שליט"א
לרגל הולדות בתו למז"ט

הרב ר' יואל ב"ר אברהם לויפער שליט"א
לרגל נישואי בנו למז"ט

תשוח"ח להם, יה"ר שיזכו לראות רוב נחת מכל יוצאי חלציהם ולהתברך בכל מילי דמיטב.


## על משמר החינוך

# יערליכע 'פעטוועי' אנפראגע' ערווארטעט זיך אנצוהייבן פריש דעם קומענדיגן סעפטעמבער למספרם - אלול

## יהדות החרדית אין ניו יארק פארפאנצערט ווידעראמאל צו בלייבן לויטער און ריין!

Substantial Equivalency 2023 Guidance

**PART III: Timeframes**

**Regulation Implementation Timeline:**

- **By September 1, 2023 (each September 1 thereafter):** LSA will report (1) all the nonpublic schools that serve compulsory age children (from age 6 to 16 in most jurisdictions, age 17 in others) within their geographical boundaries and (2) the date of the last substantial equivalency determination made for each nonpublic school to the Department via the NYSED Business Portal or another electronic portal as determined by the Department. Such report must include all nonpublic schools within the LSA geographic boundaries, even nonpublic schools without basic educational data system (BEDS) codes.
- **By December 1, 2023 (and each December 1 thereafter):** The LSA must inform the Department, via the NYSED Business Portal or another electronic portal as determined by the Department, of the pathway each nonpublic school in its boundaries has selected to use to demonstrate the substantial equivalence of its instruction. The LSA must identify nonpublic schools that will go through a local review and meet the criteria for a Commissioner's determination. The LSA will also identify nonpublic schools that will go through a local review and for which the LSA is responsible for making the final substantial equivalency determination.
- **Between December 1, 2023 and December 1, 2024:** LSAs will consult with those schools that will require review or follow-up to complete the requirements for another pathway. This consultation will assist the LSA in establishing a timeline for the review process.
- **By December 1, 2024 (and each December 1 thereafter):** Via the NYSED Business Portal or another electronic portal as determined by the Department, LSAs must attest to whether they have or have not yet made final substantial equivalency determinations and recommendations for each nonpublic school in their geographical area and the date on which such determination or recommendation was made or is anticipated to be made.
- **By June 30, 2025:** LSAs shall make required substantial equivalency determinations, and recommendations for schools subject to a Commissioner's determination for all nonpublic schools in their geographic boundaries that were operating as of September 28, 2022, by the end of the 2024-2025 school year and every seven years thereafter. Schools that received a preliminary negative substantial equivalency determination may be in the collaborative improvement process at this time.
- **Within Two Years of a New Nonpublic School's Founding:** The new school must demonstrate that it provides substantially equivalent instruction. The new school shall notify the LSA of the date on which it intends to commence instruction and how it intends to provide instruction that is substantially equivalent to that of students in the public schools. Except for schools deemed substantially equivalent pursuant to a pathway enumerated in 8

25

די פעטוועי סקעדזשועל פון די גיידענס

אין די פארגאנגענע יאר האט דער יהדות החרדית מיטגעלעבט היסטאריע, ווען די רעגירונג האט צום ערשטן מאל אין גלות אמעריקע פארלאנגט פון די מוסדות א פונקטליכע באריכט און מהלך צו באשטעטיגן זייער סטאטוס, אז עס איז אין איינקלאנג מיט די נייע רעגירונגס פארלאנגען, אהערצושטעלן א חינוך גלייך ווי אין די פאבליק שולעס רח"ל.

אצינד, ווען מען האלט פארן נייעם שולע-יאר ווערט ווידעראמאל ערווארטעט אז די מוסדות וועלן באקומען פון די רעגירונג א פארלאנג צו קלויבן נאכאמאל א פעטוועי וואס זאל דאס איבערווייזן, אזוי ווי עס שטייט אין די גיידליינס אז די לאקאלע סקול אויטאריטעטן דארפן יערליך אריינגעבן א באריכט פאר די ניו יארק סטעיט עדיוקעישן דעפ. איבער אלע מוסדות אונטער זייער יורוסדיקציע, וועלכע פעטוועי זיי האבן אויסגעקליבן צו איבערצייגן אז זיי זענען סאבסטענשאלי עקוויוועלענט צום פאבליק סקול.

### אום אני חומה

זאת אשיב אל לבי! ווען מען קוקט צוריק אויף פאריאהר ווען די זעלבע פראגע איז געלעגן אויפן וואגשאל און דער בלבול הדעת און טשטוש המוחות איז געווען אויף די העכסטע אקטאוועס, מיט

פארזעצונג אויף זייט 3

## פתגמין קדישין

### עשך קדושות המרן בעל ההילולא רביה"ק ה'סאטמאר זי"ע

זייט 8

## 'סאשעל סטאדיס \ דזשיאגראפיע' אמאל און היינט

זייט 6

## די אומגעפעלשטע מסורה

### "יש דברים שלפי דעת אדמו"ר מ'סאטמאר שליט"א [זי"ע] 'שאפילו תחת הלחץ זה הדחק של חוקי המדינה אסור ללמדם!"

זייט 4


## דורותינו אין אייער פאסט קעסטל

ערהאלט 'דורותינו' אויף פאסט וועכענטליך פאר
מינאמאלע אפצאל פון $8 לחודש
סובסקרייבט אייך היינט!
לאזט א מעסעדזש אויף 845-237-4779


## פרעצעדענטלאזע שריט ווען ערשטע קהל'ישע מוסד התורה וועלכע פארמאגט אלע פונקציעס פון תלמוד תורה, בית חינוך לבנות, ישיבה קטנה, ישיבה גדולה, ערקלערט אז מען גייט געזעצליך אפזאגן אלע רעגירונגס געלטער!

זייט 2

## גליון מורחב לרגל הילולת רביה"ק מ'סאטמאר זי"ע


נתנדב לע"נ רבינו הקדוש והטהור מרן רבינו יואל ב"ר חנני' יו"ט זיעועכי"א - יומדהל"ק כ"ו אב עש"ק פ' ראה - ע"י:

הגה"צ ר' יודא ירחמיאל הלוי גרובער ראב"ד ארחות המשפט שליט"א
הגה"צ חו"פ רבי ישעי' יעקב שטויבער שליט"א
הגה"צ ר' מנשה פילאפף אבד"ק טיב לבב שליט"א

הגה"צ ר' אפרים צבי שמילאוויטש אבד"ק קרעמניץ שליט"א
הגה"צ ר' ישעי' אשר אנשיל ווייס אבד"ק אור לישרים שליט"א
הגה"צ ר' שלמה ראזענבערגער שליט"א ר"י באר יואל ד'סאטמאר

# פרעצעדענטלאזע שריט ווען ערשטע קהל'ישע מוסד התורה וועלכע פארמאגט אלע פונקציעס פון תלמוד תורה, בית חינוך לבנות, ישיבה קטנה, ישיבה גדולה, ערקלערט אז מען גייט גענצליך אפצוזאגן אלע רעגירונגס געלטער!

## ריזיגער מוסד אין ניו יארק 'בני יואל' אין קרית יואל מיט איבער 2000 תלמידים ותלמידות בליעה"ר וועט בס"ד מרומם זיין דעם לגיון של מלך

אין א צייט וואס עס איז אנטשטאנען גאר א גרויסע אויפוואכונג אהערצושטעלן מוסדות אפגעזונדערט פון סיי וועלכע רעגירונגס געלטער, צוליב דעם שרעקליכן געפאר אויף די מוסדות הקדושים לענגאויס ניו יארק מיט די אנגייענדע גזירת החינוך, ווען די רעגירונג טוט דירעקט אינטערווינירן און ארייננדרינגען אין די הייליגע בתי חינוך, ווערט באקאנט די גאר פריידיגע נייעס אז די הייליגע מוסדות תורה ויראה בני יואל ד'סאטמאר אין קרית יואל, האבן אין א דראמאטישן שריט געמאלדן פאר די חשובע עלטערן אז די הייליגע מוסדות גייען זיך אי"ה גענצליך אפזאגן פון אלע רעגירונגס געלטער!

די דאזיגע מוסדות בני יואל וועלכע זענען באקאנט מיט זייער פשרה'לאזן מסירות נפש'דיגע צוגאנג זינט דעם עקזיסטענץ, האבן אצינד ווידעראמאל אויסגעפאלגט דעם דעת תורה און געמאלדן אז זיי גייען זיך אנשליסן אין דעם לגיון של מלך, די הייליגע מוסדות על טהרת הקודש באמעריקע.

נעמענדיג אין באטראכט דעם גרויסן נעץ פון חינוך אויף וואס די מוסדות פארפיגן, וואס נעמט אריין דעם גיגאנטישן צאל פון איבער צוויי טויזנט תלמידים ותלמידות בליעה"ר, וואס באדייט א ריזיגע הכנסה פון די רעגירונגס קוועלער, טוט דאס שאפן היסטאריע אויפן אמעריקאנער באדן אלס דער ערשטער מוסד אויף אזא ריזיגן פארנעם וואס זאגט זיך גענצליך אפ פון יעדע פרוטה פון די רעגירונג!

דאס פאלגט נאך מערערע שריט אין דעם ריכטונג ווען די חשובע הנהלת המוסד האט מיט מסירות נפש אוועקגעשליידערט און אפגעזאגט מיליאנען דאלארן פון די רעגירונג אנצוהאלטן דעם אמאליגן ריינעם חינוך און קיין שום צווייפלהאפטיגע שטיצע.

איבערהויפט במשך די לעצטע תקופה ווען עס איז אנטשטאנען די פעטוועי 'שערורי', האבן די רבני ומורי צדק שליט"א פון די קהילה קדושה, מיט דרייסקייט אויסגעפסקנט אז מען טאר נישט קלייבן א פעטוועי, וואס די געטריי הנהלה האבן אויסגעפאלגט.

ווי אויך פאר א יאר צוריק האבן זיי זיך אפגעזאגט מיט מסירות נפש פון די 'מעגדעטעד' פראגראמען פון די רעגירונג.

די איינציגסטע געלט קוואל פון די רעגירונג וואס איז נאך פארבליבן ביז איצט איז די 'לאנטש פראגראם' וואס ארגינעל האט בכלל נישט געהאט קיין שייכות מיט חינוך, נאר איז געשאפן געווארן צו דעקן די קאסטן פון עלטערן וועלכע קענען זיך נישט ערלויבן צו שפייזן די פאמיליע.

אבער אין די לעצטערע יארן האבן זיך די פארשריפטן געטוישט און כדי צו קענען געניסן פון דעם פראגראם דארף זיך דער שולע אונטערנעמען צו האבן א געהעריגע לעגאלע סטאטוס און נאכקומען אלע רעגירונגס פארלאנגען פון סעקולארע לימודים.

די דאזיגע מוסדות וועלכע זענען געגרינדעט געווארן דורך תלמידים נאמנים פון אבינו רועינו רבן של ישראל מרן רביה"ק מסאטמאר זי"ע, האבן שטענדיג געהאלטן פאר די אויגן מיט אומגעהויערע מסירות נפש זיין הייליגע הדרכות, ממשיך צו זיין לדורות הבאים די אומפארפעלשטע השקפה ברורה, נישט נהנה צו זיין ממקורות זרים בחינוך ילדי ישראל.

דערפאר איז אצינד אויך, ווען די רעגירונג מישט זיך שוין בפועל אריין אין דעם טייערן חינוך פון אונזערע הייליגע קינדער, האט די הנהלת המוסד מחליט געווען זיך גענצליך אפצוזאגן פון זייערע געלטער, און אזוי ארום בעזהשי"ת קענען ווייטער ממשיך זיין דעם ריינעם חינוך הטהור ע"ד המסורה.

דער דאזיגער איבערראשענדער מעלדונג איז געקומען אין פארעם פון א בריוו פאר די פילע עלטערן ווי עס ווערט באריכות אויסגעשמועסט אז דאס ווערט געטוען בהוראות רבני ומורי צדק דק"ק בני יואל לאור המצב החמור, און דער פאקט כאראקטעריזירט אז מען גייט ווייטער אין ליניע ווי אזוי די רבנים הגאוה"צ זי"ע מדור הקודם האבן אוועקגעשטעלט די מוסדות.

דארט ווערט ברייט אויסגעשמועסט אז אזוי ווי דער מצב פון די רעגירונס פאנדן האט זיך דראסטיש געטוישט אין די לעצטערע יארן, און לויט דעם קען די רעגירונג פארלאנגען צו זאגן א מיינונג אין חינוך בלויז צוליב די פראגראמען אליינס, דערפאר איז אוממעגליך אנצוהאלטן ווייטער די דאזיגע פאנדינגס.

אין דעם בריוו ווערט אויך געמאלדן איבער דעם גרינדונג פון א נייעם וועד שולחן הזהב, וואס וועט אהערשטעלן א קראנטען קרן פון פילאנטראפישע נדיבים בעם וועלכע וועלן ביישטייערן מיט ריזיגע סכומים צו קענען דעקן בעזהשי"ת

ישיבה תורה ויראה
ובית אלטא פיגא
בני יואל ד'סאטמאר

Yeshiva Torah Vyirah
Bnei Yoel D'satmar
PO Box 255 - Monroe NY 10949
Tel: 845-781-2222 Fax: 845-782-7059

בס"ד

יום א' פרשת ראה, כ"א מנ"א, תשפ"ד לפ"ק

### הושענא אום אני חומה

**קריטישע ווענדונג מעלת כבוד הורי תלמידי ותלמידות מוסדותינו הק' הע"י**

לאור המצב פון די גרויסע סכנה ה"י וואס שוועבט ליידער אויפן גאנצן המשכת החינוך הטהור דאהי אין ניו יארק, איבערהויפט ווי מען זעהט אז די רעגירונג גייט פאראויס מיט אויסטערלישן שנעלקייט און גאלאפ צו באפעסטיגן ארויף צו צווינגען די שרעקליכע 'גיידליינס' אויף אלע מוסדות החינוך, צו ערגרייכן זייער ביטערע ציל אז די מוסדות זאלן ח"ו זיין 'סובסטענשאל עקוויוועלענט' ה"י, היל"ת.

דערפאר שפירן פאר וויכטיג מיטצוטיילן מיט די חשובע עלטערן שיחי', אונזער חובת השעה, און דערביי זיך ווענדן מיט אן אויסנארדנטליכע רוף צו אלע חשובע עלטערן שיחי' זיך צו פאראייניגן מיט שטארקע כוחות בס"ד, לבוא לעזרת ה' בגיבורים, נישט צו דערלאזן ח"ו דאס מינדעסטע שפאלט בחומת חינוך הטהור, בחמלת הבורא יתב"ש.

א) אין די איצטיגע זומער-וואכן איז געווארן א יאר, זינט מיר האבן ב"ה במסי"נ ממש אפגעזאגט ריזיגע סכומים 'מענדיטעד' רעגירונג'ס-געלטער. ווי הרה"ג דומ"ץ קהלתינו שליט"א האט אויסגעשמועסט באריכות אצל סעודת הודאה כ"א כסלו תשפ"ג, אז צוליב דעם גזירות החינוך וואס די רעגירונג וויל זיך אריינמישן בחינוך הטהור, הייבן מיר אן זיך אפצושאקלען פון רעגירונג סטעיט-געלטער. כהוראות מרן רביה"ק זי"ע וואס האט געזאגט פאר די הנהלה אין מאנטריאל בזה"ל: **"מען זאל גיין פאר זיך און נישט נעמען פון די רעגירונג, וועלן זיי זיך נישט מישן"**. דערמיט האבן מיר בס"ד געשטעלט די ערשטע טריט, ביסלעכווייז אראפצוגיין פון רעגירונג-שטיצע, שטייענדיג אונטער אזא שרעקליכע גזירה העברה על הדת ה"י.

ב) דורכאויס דעם ווינטער העעל"ט, האבן מיר ב"ה געהאט די זכי' צו שטיין פעלזן-פעסט נישט צו ענטפערן בשו"א אויפן פארלאנג צו קלויבן א 'פעטוועי'. דאס איז אויסגעשמועסט געווארן ביים דינער דורך הרה"ג הדומ"ץ שליט"א, נאכפאלגנדיג א מודעה מטעם מוסדותינו הק' ופסק הלכה למעשה מהרבנים הגאונים שליט"א. דערמיט האבן מיר זיך ב"ה פארפאנצערט בחומה בצורה נישט אריינצולאזן די רעגירונג מיט שינויים חמורים בסדר החינוך במוסדותינו הק'.

ג) מיר זענען אין פארבינדונג מיט 'עדיוקעישן-געזעצן' עקספערטן, מיט לעגאלע ראט אז וואס מיר טוען בעז"ה עפ"י דעת תורה ווערט געטון בהשכל ובדעת זיך נישט צו פארפלאנטערן געזעצליך. עס איז אונז קלאר געשטעלט געווארן: 1) פונעם לעגאלן שטאנדפונקט דארפן מיר נישט ענטפערן פאר די רעגירונג אויסצוקלויבן א 'פעטוועי'. און מיר דארפן נישט אריינלאזן קיין שום אינספעקטאר'ס במוסדותינו הק'. 2) לויטן יעצטיגן סטאטוס האט די סטעיט-רעגירונג די מאכט צו אינפארסירן ביי מוסדות וואס געניסן פון לאנטש-פראגראם - וואס איז מערסטנסטייל פעדעראלע-פאנדינג - אז זיי זענען 'סובסטענשאל עקוויוועלענט' מיטן תוכן הלימודים; פילע סובדזשעקטס; שינויים חמורים ולימודי טומאה ותועבה רח"ל, לויט די פארלאנגטע סטעיט-חינוך-סטאנדארטן, היל"ת.

ד) אין די לעצטערע חדשים, האבן די מוסרים פון יאפע"ד שר"י אויפגעפרישט זייער העצע ביי די רעגירונג, וואס זיי האבן אנגעהויבן דריי יאר צוריק, צו קלאגן רח"ל די נישט "סובסטענשאל-עקוויוועלענט" מוסדות, וואס געניסן פון רעגירונג'ס-פראגראמען, אז די רעגירונג זאל למפרע צוריק בעטן די מיליאנען דאללערן. דאס איז רח"ל א קאטעסטראפאלע בראך פאר די ערליכע מוסדות ה"י, סיי פינאנציעל, און סיי ברוחניות מ'זאל נישט אונטערפאלן די גזירה זיך אויסצולייזן פון ריזיגע געלטער-צאלונגען נאכקומענדיג רח"ל טיילוויז פשרה'דיג דעם גזירות החינוך, ה"י.

שטייענדיג אין אזא ביטערן מצב, כספינה המטורפת בלב ים, ווען מיר זענען זקוק לרחמי שמים מרובים צו קענען ממשיך זיין דעם חינוך הטהור לנו ולבנינו עד עולם, פארשטייט יעדער אז די שטערקסטע זאך לגדור גדר צו שטיין פעסט קעגן די גזירה, איז צו האבן מסירות נפש צו גיין ווייטער שטאפל-וויז זיך אפצושאקלען פון רעגירונג'ס געלטער, כדי נישט צו זיין באצווינגען מיט אזא שרעקליכע נסיון הממון אין אזא ביטערע עת צרה ושעת גזירה, נאר בלייבן מיט דעם קלארן דעת תורה המסורה לנו, בשו"א נישט צו דערלאזן דאס מינדעסטע שינוי ופירצה בחומת חינוך הטהור, אן קיין פשרות, אן קיין חכמות!

דאס איז אייגנטליך געווען דער דעת תורה אלע יארן מאז התייסדות מוסדותינו הק', און איז קלאר-געשטעלט געווארן אומצאליגע מאל ביי די דינער'ס ומאורעות שונות, דורך די חשובע רבנים הגאוה"צ מדור הקודם גדולי תלמידי מרן רבינו הקוה"ט זי"ע, ובראשם כ"ק גאב"ד מאנטיווידעא זצללה"ה, כ"ק גאב"ד קארלסבורג זצללה"ה, כ"ק גאב"ד שארמאש זצללה"ה, וואס זענען במשך השנים געשטאנען בראש עדתינו הקדושה בעוז ובגבורה להורות דרך ה' ביי אלע ענינים העומדים על הפרק לדעת המעשה אשר יעשון, און האבן שטענדיג גע'חזר'ט דעם יסוד אדיר לקיום החינוך לדורות העתידים - וואס אויף דעם תכלית איז נתייסד געווארן מוסדותינו הק' - זיך מתנזר צו זיין פון צווייפלהאפטיגע געלטער וואס קען ח"ו ברענגן סיי וועלכע שינוי בחינוך הטהור. עס איז קלאר אז זייער דעת תורה אין אזא ביטערע מצב גזירה וואלט געווען אויפצוהערן נעמען געלט פון די רעגירונג, און זאגן מיט עזות דקדושה: לא מעוקצך ולא מדובשך! שקילא טוביתא ושדייא אחוזרי!.

כהיום, איז די איינציגסטע פארבליבענע רעגירונג'ס-פראגראם וואס מוסדותינו הק' באקומט, נאר דער 'לאנטש-פראגראם', וואס מ'האט אלע יארן גענומען בלי שום פקפוק, נאך בהלו נרו על ראשינו בימיו פון מרן רביה"ק זי"ע, עפ"י הדרכתו והנהגתו הקדושה, און איז לכתחלה געווען א עסן-פראגראם פאר ארימע קינדער וואס האט גארנישט געהאט מיטן חינוך, און יענע יארן האט זיך די רעגירונג טאקע גארנישט געמישט דורך דעם פראגראם אינעם חינוך. ליידער איז דורכאויס די לעצטערע יארן אינגאנצן נשתנה געווארן דאס מציאות, און די רעגירונג וואס טיילט דאס געלט נוצט זייער מאכט צו קענען געוועלטיגן אויפן גאנצן סדר החינוך ה"י.

כאטש די נושא איז שוין עומד על הפרק די לעצטערע יארן, איז אבער אויסטערליש שווער געווען צו טון ערנסטע שריט, שטייענדיג אין א שרעקליכן מצב הכספי בכלליות, ווען עס איז ממש באו מים עד נפש. אבער ליידער איז דאס געווארן אלס מער אקטועל, ובפרט מיט דעם לעצטן געריכטליכע פסק וואס איז נאכגעקומען די רעגירונג'ס פאדערונג אז די מוסדות וואס זענען נישט 'סובסטענשאל עקוויוועלענט' לויט זייערע 'חינוך גיידליינס' ה"י, האבן נישט די סטאטוס אלס אנערקענטע שולע, וואס זייער ציל דערמיט איז צו קענען רח"ל רעפארמירן דעם חינוך היל"ת. אין אזא שרעקליכער מצב איז קלאר אז מיר קענען נישט בלייבן אונטער אזא נסיון וואס באדראעט רח"ל דעם הייליגן חינוך הטהור, וכל אשר לאיש יתן בעד נפשו.

לאור זה, האבן מיר מטכס עצה ביי אומצאליגע אסיפות די לעצטערע חדשים, אנצוקומען צו א מהלך וואס זאל זיין לשביעית רצון כל הציבור החשוב שיחי', און בסייעתא דשמיא איז באשלאסן געווארן צו שטעלן א באזונדערע **"וועד שולחן הזהב"** פון חשובע בע"ב ועסקנים הדגולים שיחי', וואס זאל עטעבעלירט ווערן אלס זעלבסטשטענדיגע וועד, צו צוהעלפן אנהייבן נושא צו זיין בעול הקשה, צו שאפן די ריזיגע קאלאסאלע סומעס צו ערזעצן די לאנטש-פראגראם הכנסה, דורך פענאמענאלע פראיעקטן מיט פלענער וואס ווערט אצינד אויסגעארבעט בעז"ה, באופן אז דאס זאל נישט פארשווערן די אנגייענדע עבודת הקודש צו דעקן די אויסטערלישע הוצאות פון די גאנצע ווירטשאפט אינערהאלב די מוסדות הק' בסייעתא דשמיא.

צו אלעמען ערשט, צו שטעלן די ערשטע טריט אויפצוהערן ביסלעכוויז געניסן פון 'לאנטש-פראגראם', וועלן די חשובע עסקני "וועד שולחן הזהב" ארומגיין אויפארבעטן די חשובע עלטערן און זיידעס שיחי' וואס זענען גרייט בנדבת לבם הטוב למען עתיד חינוך דורותינו, אליינס אויסצוצאלן דאס עסן פון די קינדער און אייניקלעך, און יעדע חודש וועט מען שוין אראפרעכענען די מספר תלמידים ותלמידות וואס די מוסדות וועט פאר זיי נישט איינקאסירן לאנטש-פראגראם. דאס וועט שטארק ארויסהעלפן צו קענען אנהייבן גיין טריט ביי טריט, נישט צו זיין אנגעוויזן מער אויף רעגירונג'ס פראגראמען.

אלס צווייטע שריט, אין אזא מאסיווע אונטערנעמונג, האבן די ענערגישע עסקנים הדגולים פונעם "וועד שולחן הזהב" זיך אריינגעלייגט בעז"ה גאר אינטענסיוו, אהערצושטעלן א קראנטע "קרן" פון פילאנטראפישע נדיבים בעם וואס זאלן ביישטייערן ריזיגע סכומים, און דערצו אויך אונטערנעמען שטארקע שטאנד-האפטיגע אינוועסטירונגען וואס זאלן ברענגן יערליכע הכנסות במשך די קומענדיגע יארן, און דערמיט האבן א יסוד צו קענען דעקן א גרויסע טייל פון דעם בודזשעט וואס פאלט אויף זיי, צו ערזעצן בעז"ה יערליך די גאנצע לאנטש-פראגראם הכנסה פון נדיבים בעם.

**ומכאן הקריאה יוצאת מעלת כבוד הורי מוסדותינו שיחי' בע"ב וזקנים, כל אחד בשמו הטוב יבורך:**

**אין די יעצטיגע טעג גייען די עסקני "וועד שולחן הזהב" ארום איבערגעבן די גענויע טעכנישע איינצעלהייטן וויאזוי זיך איינצושרייבן, וכל אחד יאמר אני נקראתי, אדרבה: זאלן די חשובע עלטערן זוכן צו זיין פון די נחשונים לדבר מצוה, וטרם יקראו יענה, מען זאל זיך מעלדן ווי פריער צו די עסקנים און זיך איינשרייבן, און דערמיט געבן חיזוק ועידוד פאר אזא הייליגע אונטערנעמונג, על בנינו ועל דורותינו. און מיט א פאראייניגטן כח הרבים, ובשם ה', נעשה ונצליח!.**

**פאר סיי וועלכע הערה בנוגע "שולחן הזהב" רופט 845-781-2286 און לאזט א מעסעדזש.**

ואנו תפלה לקל נורא עלילה, מיר זאלן האבן די כוחות און סייעתא דשמיא צו שטיין פעלזן-פעסט בחומה בצורה קעגן די ביטערע גזירות על החינוך ה"י, און קענען ממשיך זיין דעם חינוך הטהור במוסדותינו הק' וואס איז געבויעט מיט מסירות נפש, און איז געווארן אויפגעהאלטן ביזן היינטיגן טאג מיט מסי"נ. ובכוחו ובזכותו של אותו זקן מרן רביה"ק זי"ע זאלן מיר דאס קענען ווייטער ממשיך זיין ע"ד הסלולה לנו מדור דור, ולאורו ניסע ונלך בקרוב לקבל פני משיח צדקינו במהרה דידן, בב"א.

**בברכת כתיבה וחתימה טובה ושנת גאולה וישועה**
**הנהלת המוסדות**

דעם בודזשעט וואס ווערט פארגרעסערט צוליב דעם לאך פון די פראגראמען.

די מוסדות הקדושים שרייבן אז זיי ערווארטן די פולע שטיצע פון די חשובע עלטערן, וואס שטייען שטענדיג גרייט מיט מסירות נפש צו פארשטערקערן דעם ריינעם חינוך פון די טייערע קינדערלעך.

די בשורה מרנינה האט גשאפען פרייד כוואליעס ביים יהדות החרדית אין ניו יארק, און האט געגעבן א געוואלדיגן חיזוק פאר די פולע מוסדות על טהרת הקודש פאראויסצוגיין מיט די עבודת הקודש, נעמענדיג אין באטראכט אז דאס וועט בעזהשי"ת פילפאכיג ארויפברענגען דעם וואוקס און צאל פון די תלמידים וועלכע לערנען על טהרת הקודש, אויף וייטערדיגע העכערע שטאפלען.

גלייכצייטיג וועט דער דאזיגער היסטארישער שריט האפענטליך דינען אלס וועג ווייזער פאר אנדערע גרעסערע מוסדות נאכצוטוען דעם דראסטישן שריט, וואס די פולע עלטערן קוקן ארויס דערויף בכליון עינים.

שטייענדיג אין די טעג פון דעם הייליגן יומא דהילולא קדישא פון מרן רבינו יואל בן חנני' יום טוב זצוקללה"ה וואס האט כל ימיו געפאדערט און געטוען למען חינוך בנינו ודורותינו בדם לבבו, איז זיכער אז דער גרויסער זכות פון בעל ההילולא וועט ביישטיין פאר דעם הייליגן מוסד בני יואל הנקראת על שמו וזכרו, אנצוהאלטן און ממשיך צו זיין דרכו הטהור בסייעתא דשמיא ביתר שאת וביתר עוז. ■



234 PUBLIC LAWS—CHS. 281–283—JUNE 4, 8, 1946 [60 Stat.

Minority races.

materials of instruction in any school. If a State maintains separate schools for minority and for majority races, no funds made available pursuant to this Act shall be paid or disbursed to it unless a just and equitable distribution is made within the State, for the benefit of such minority races, of funds paid to it under this Act.

(d) For the purposes of this Act—

"State."

(1) "State" includes any of the forty-eight States and the District of Columbia, Territory of Hawaii, Puerto Rico, Alaska, and the Virgin Islands.

"State educational agency."

(2) "State educational agency" means, as the State legislature may determine, (a) the chief State school officer (such as the State superintendent of public instruction, commissioner of education, or similar officer), or (b) a board of education controlling the State department of education; except that in the District of Columbia it shall mean the Board of Education, and except that for the period ending June 30, 1948, "State educational agency" may mean any agency or agencies within the State designated by the Governor to carry out the functions herein required of a State educational agency.

"Nonprofit private school."
53 Stat. 33.
26 U. S. C. § 101 (6).

(3) "Nonprofit private school" means any private school exempt from income tax under section 101 (6) of the Internal Revenue Code, as amended.

"Nonfood assistance."

(4) "Nonfood assistance" means equipment used on school premises in storing, preparing, or serving food for school children.

Approved June 4, 1946.

[CHAPTER 282]

AN ACT

June 8, 1946
[S. 1802]
[Public Law 397]

To provide for the delivery of custody of certain articles of historic interest from the United States Ship Nevada and the United States Ship Wyoming to the State of Nevada and the State of Wyoming, respectively.

U. S. S. *Nevada*, silver service, etc.

*Be it enacted by the Senate and House of Representatives of the United States of America in Congress assembled*, That the Secretary of the Navy is hereby authorized and directed to deliver to the custody of the Governor of Nevada for use as a display in the Nevada State Museum the name plate, the ship's bell, the silver service, and the magnesium chest of the United States Ship Nevada.

U. S. S. *Wyoming*, silver service, etc.

Sec. 2. The Secretary of the Navy is hereby authorized and directed to deliver to the custody of the Governor of Wyoming for exhibition, educational purposes, and use by the University of Wyoming the name plate, the ship's bell, and the silver service of the United States Ship Wyoming.

Approved June 8, 1946.

[CHAPTER 283]

AN ACT

June 8, 1946
[S. 1862]
[Public Law 398]

To repeal section 1548 Revised Statutes (34 U. S. C. 592).

Navy.
Regulations and general orders.

*Be it enacted by the Senate and House of Representatives of the United States of America in Congress assembled*, That section 1548, Revised Statutes (34 U. S. C. 592), which provides "The Secretary of the Navy shall cause each commissioned or warrant officer of the Navy, on his entry into the service, be furnished with a copy of the regulations and general orders of the Navy Department then in force, and thereafter with a copy of all such as may be issued," is hereby repealed.

Approved June 8, 1946.

ביים באזירן דעם "לאנטש פראגראם" געזעץ שנת תש"ו לפ"ק שרייבט: **"דער באדייט פון א פריוואטע 'סקול' וואס איז בארעכטיגט פארן פראגראם, איז סיי וועלכע פריוואטע סקול וועלכע איז 'עקזעמפט' פון צאלן שטייער".**



Federal Register / Vol. 50, No. 29 / Tuesday, February 12, 1985 / Proposed Rules 5955

"Net cash resources" means all monies, as determined in accordance with the State agency's established accounting system, that are available to or have accrued to a School Food Authority's nonprofit school food service at any given time, less cash payable. Such monies may include, but are not limited to, cash on hand, cash receivable, earnings on investments, cash on deposit and the value of stocks, bonds or other negotiable securities.

"Nonprofit", when applied to schools or institutions eligible for the Program, means exempt from income tax under section 501(c)(3) of the Internal Revenue Code of 1954, as amended; or, in the Commonwealth of Puerto Rico, certified as nonprofit by the Governor.

"Nonprofit school food service" means all food service operations conducted by the School Food Authority principally for the benefit of school children, all of the revenue from which is used solely for the operation or improvement of such food service.

"OIG" means the Office of the Inspector General of the Department.

"Program" means the National School Lunch Program and the Commodity School Program.

"Reduced price lunch" means a lunch served under the Program: (a) to a child from a household eligible for such benefits under Part 245; (b) for which the price is less than the full price of the lunch and which does not exceed the maximum allowable reduced price mandated by law, in accordance with Part 245, and (c) for which neither the child nor any member of the household is required to work.

"Reimbursement" means Federal cash assistance including advances paid or payable to participating schools for lunches meeting the requirements of § 210.10 and served to eligible children.

"Revenue", when applied to nonprofit school food service, means all monies received by or accruing to the nonprofit school food service in accordance with the State agency's established accounting system including, but not limited to, children's payments, earnings on investments, other local revenues, State revenues, and Federal cash reimbursements.

"School" means: (a) An educational unit of high school grade or under, recognized as part of the educational system in the State and operating under public or nonprofit private ownership in a single building or complex of buildings; *except for* private schools with an average yearly tuition exceeding $1,500 per child; (b) any public or nonprofit residential child care institution, or distinct part of such institution, which operates principally for the care of children, and, if private, is licensed to provide residential child care services under the appropriate licensing code by the State or a subordinate level of government, *except for* residential summer camps which participate in the Summer Food Service Program for Children, Job Corps Centers funded by the Department of Labor, and private foster homes; or (c) with respect to the Commonwealth of Puerto Rico, nonprofit child care centers certified as such by the Governor of Puerto Rico. (The term "high school grade or under" includes classes of preprimary grade when recognized as part of the educational system or when they are conducted in a school having classes of higher grade. The term "residential child care institution" includes, but is not limited to: homes for the mentally, emotionally or physically impaired, and unmarried mothers and their infants; group homes; halfway houses; orphanages; temporary shelters for abused children and for runaway children; long-term care facilities for chronically ill children; and juvenile detention centers. A long-term care facility is a hospital, skilled nursing facility, intermediate care facility, or distinct part thereof, which is intended for the care of children confined for 30 days or more.)

"School Food Authority" means the governing body which is responsible for the administration of one or more schools and which has the legal authority to operate the Program therein.

"School year" means a period of 12 calendar months beginning July 1 of any year and ending June 30 of the following year.

"Secretary" means the Secretary of Agriculture.

"State" means any of the 50 States, District of Columbia, the Commonwealth of Puerto Rico, the Virgin Islands, Guam, American Samoa, the Commonwealth of the Northern Marianas, or the Trust Territory of the Pacific Islands.

"State agency" means (a) the State educational agency; (b) any other agency of the State which has been designated by the Governor or other appropriate executive or legislative authority of the State and approved by the Department to administer the Program in schools, as defined in this section; or (c) the FNSRO, in cases where the FNSRO administers the Program.

"State educational agency" means, as the State legislature may determine (a) the chief State school officer (such as the State Superintendent of Public Instruction, Commissioner of Education, or similar officer), or (b) a board of education controlling the State department of education.

"State food distribution advisory council" means a group which meets to advise the State agency with respect to the needs of schools participating in the Program concerning the manner of selection and distribution of commodities.

"Tuition" means the basic charge required for a student to enroll at a school, excluding any amount paid for the cost of room and board, transportation, books, supplies, equipment, and fees. The following monies shall not be included when calculating a school's average yearly tuition per child—(a) academic scholarship aid from public or private organizations or entities given to students, or to schools for students, and (b) State, county or local funds provided to schools operating principally for the purpose of educating handicapped children for whose education the State, county or local government is primarily or solely responsible. In schools which vary tuition, the average yearly tuition is determined by adding the total tuition receipts for the period of time in which the majority of children are in attendance and dividing by the total number of students enrolled during that period.

"Uniform Federal Assistance Regulations" means 7 CFR Part 3015, regulations published by the Department to implement Office of Management and Budget Circulars A–21, A–87, A–102, A–110, and A–122.

**§ 210.3 Administration.**

(a) *FNS.* FNS will act on behalf of the Department in the administration of the Program. Within FNS, the Child Nutrition Division (CND) will be responsible for Program administration.

(b) *States.* The State agency shall be responsible for the administration of Program operations in schools within the State. Each State agency desiring to administer the Program shsll enter into a written agreement with the Department for the administration of the Program in accordance with the requirements of this part; Part 235; Part 245; Parts 15, 15a, 15b, and 3015 of Departmental regulations and instructions issued under the FNS Directives Management System.

(c) *FNSROs.* The FNSRO shall administer the Program in nonprofit private schools or residential child care institutions if the State agency is prohibited by law from disbursing Federal funds paid to such schools. The FNSRO shall also administer the Program in all nonprofit private schools

תשמ"ה איז שוין געטוישט די 'רולס און רעגולעישאנס' פונעם פראגראם, וואו אויפן באדייט פון א 'סקול' שרייבן זיי בלויז, אזא סקול **וועלכע איז אנערקענט אלס א טייל פון די 'עדיוקעישאנאל סיסטעם' פון יענע 'סטעיט'**, און דארף דעריבער נאכקומען די געזעצן - היינט; דער גזירת החינוך

פארזעצונג פון זייט 1

פארשידענע סברות וועלכע האבן קורסירט אין די גאסן, וואס האט געקענט אנשרעקן די מוסדות וואס גייען נישט נעמען א פעיטוועי אז די רעגירונג גייט קלאפן אויף זייערע טירן א טאג נאך דעם פאריריגן דעדליין אויף די פעטוועי אנפראגע, יאנואר דעם זעכצענטן למס', אבער מיט דעם אלעם האט מען געזען באשיינפערליך אז עוד יהודה רד עם קל ועם קדושיו נאמן, און קרוב צו צוויי הונדערט מוסדות הקדושים, וואס רעכנט אריין מוסדות פון גאר גרויסע קהילות איבער גרעיטער ניו יארק, האבן זיך ב"ה געהאלטן פעסט צום דעת תורה, אז אפגעזעהן פון די קאנסעקווענצן וואס קען אפשר נאכקומען טאר מען בשו"א אין אזא צייט פון שעת הגזירה, זיך אונטערגעבן פאר די רעגירונג מיט דאס מינדעסטע אפילו נאר לפנים.

שטייענדיג איצט א יאר שפעטער, איז דאס א בחינה פון המפורסמות אין צריך ראי' אז אלע פחדים און אויסריידן פארוואס זיך אפשר צוצושטעלן צו די רעגירונג, זענען געווען בלויז באגרינדעטלאזע ארגומענטן, און קיין איינער פון די פולצאליגע מוסדות וועלכע האבן זיך נישט געבראכן האבן ב"ה גארנישט געליטן, און בכלל נישט געהאט אויסצושטיין אפילו בלויז פראגעס פון די רעגירונג.

אצינד איז צו ערווארטן אז די דאזיגע מוסדות וועלן זיך בעזהשי"ת ווייטער האלטן געטריי צום רבש"ע ותורתו, און אנהאלטן דעם תורה'דיגן מהלך, צו שטיין פעלזן פעסט מיט שטאנדהאפטיגקייט, זיך נישט צו בייגן פאר קיין שום פארלאנגן פון די רעגירונג, נאך דערצו זעהנדיג אז מיטן דעת תורה דערלייגט מען נישט, נאר דאס איז דער זיכערער וועג אפילו בגשמיות בעזהשי"ת.

## הרוצה בתשובה

אין די זעלבע צייט איז צום האפן אז אפילו די מוסדות וועלכע זענען ליידער דורכגעפאלן פאראיאר, און אונטערן דרוק פון אגודת ישראל נעבעך גענומען א פעטוועי, וועלן אצינד, נאכן זעהן אז די אלע חששות און שרעקענישן זענען געווען אומזיסט, דאס מאל אויספאלגן דעם דעת תורה, און זיך פאראייניגן מיט די אנדערע מוסדות, און אוועקשטעלן כאיש אחד בלב אחד א חומה בצורה זיך נישט אוועקרירן פון דעם דרך המקובל והמסורה לנו מרבותינו הקדושים נבג"מ מדור דור, און דאס וועט זיכער זיין א געוואלדיגע מליצה ישרה פאר די הייליגע טעג הבעל"ט, מיר זאל פארשריבן ווערן לטובה. ■

הוראות לדורות מאת רביה"ק מ'סאטמאר זי"ע – נתפרסם לקראת יומא דהילולא קדישא כ"ו אב תשפ"ד לפ"ק

# "יש דברים שלפי דעת אדמו"ר מסאטמאר שליט"א [זי"ע] 'שאפילו תחת הלחץ זה הדחק של חוקי המדינה אסור ללמדם'!"

## גאר זעלטענער וויכטיגער בריוו פון הרב הגאון ר' מאיר וועבערמאן זצ"ל בחייו פון מרן רביה"ק זי"ע ווארפט קלארע ליכט, איבער די הוראות ברורות פון מרן רבינו הקוה"ט מסאטמאר זי"ע אפילו ביי די לימודי חול פון די מיידלעך!

שטייענדיג ערב יומא דהילולא קדישא פון רבן של ישראל מרן ביה"ק מ'סאטמאר זי"ע, און אין די הערצער פון טויזענטער אידן וועקט זיך אויף דעם צמאון לדבר ד', און לעכצן צו הערן די קלארע הוראות וואס ער האט אוועקגעשטעלט כלפי די לימודי חול וואס איז יעצט עומד על הפרק - זינט דעם ביטערן גזירת החינוך ה"י, איז גאר טרעפליך צו באריכטן דעם זעלטענעם געפינס, דאס איז א קורצע קלארע בריוו געשריבן דורך הרב הגה"צ ר' מאיר וועבערמאן ז"ל, וועלכער איז געשטעלט געווארן דורך מרן רביה"ק זי"ע אז ער זאל איבערקוקן אלע ביכער וואס מען לערנט ביי די לימודי חול אין די מיידל שולעס.

אין דעם בריוו - וואס ער שרייבט תשל"ז נאך זייענדיג עומד על משמרתו בקודש בחיים חיותו פונעם רבין - זעט זיך ארויס דעם חרדה און אחריות, מיט וואספארא זהירות יתירה מען איז צוגעגאנגען דאס איבערגיין די ביכער ביי די מיידלעך, אפילו די בלויז די טרוקענע ידיעות וואס מען האט דאן געלערנט, (ווען דער נושא פון סטאנדארטן און אופן הלימוד איז נאכנישט געווען בעולם).

אבער איבער אלעם איז גאר מערקווערדיג, דאס וואס ער שרייבט - צווישן אנדערע - קלאר און דייטליך, אז "דעת מרן רבינו הקוה"ט מסאטמאר זי"ע אז עס זענען פאראן לימודים וואס די רעגירונג פארלאנגט, און אז אפילו אונטער די גרעסטע דרוק פון די רעגירונג טאר מען דאס בשום אופן נישט לערנען!"

לאמיר פארשטיין, דא רעדט מען פון די לימודים פון איבער פופציג יאר צוריק, וואס די געפערליכסטע לימודים וואס די רעגירונג האט דאן פארלאנגט זענען נישט צוגעקומען אפילו 'ענליך' צו דעם גייסט פון התחכמות, הפקרות, און אויך גאר כפירה, און טומאה, וואס עס זענען דא אין  די דעטאלירטע פארלאנגען פון די עדיוקעישאן דעפארטמענט היינט אפילו ביי די אזויגערופענע פשוטע כשר'סטע סאבדזשעקס.

און דאך, שוין בימיו איז געווען פארשידענע ענינים וואס די רבי האט פארשטאנען אז מען טאר נישט לערנען, און אז 'גזירת המלכות' איז נישט קיין 'גרינע ליכט' צו וועבן א 'מסורה' אויף מתיר צו זיין נאכצוקומען  אלעס וואס די רעגירונג פארלאנגט...

דער זעלטענער קלארער בריוו ווארפט א פילפאכיגע ליכט אויף עטליכע פראנטן;

- אפילו די לימודים וואס מען האט מתיר געווען צוליב די פאדערונג פון די רעגירונג, דארף מען רעדוצירן דאס מערסטע וואס מען קען.
- עס איז דא לימודים וואס אפילו די רעגירונג פאדערט דאס לויט די לעגאלע געזעצן, טאר מען דאס בשום אופן נישט לערנען אפילו אונטער די גרעסטע דרוק.
-ביים צענזורירן די ביכער מוז מען האבן גרויס זהירות אויסצומעקן יעדע ענין וואס האט שייכות מיט גוי'אישע הרגש, פארוויילונג, און פוסטע לעבנסשטייגער (די סכנה פון לימודי חול דרייט זיך נישט בלויז איבער 'אפענע' כפירה ותועבה).
- די סכנה פון נישט אויסרוימען ריכטיג די דערמאנטע ענינים איז זייער גרויס, די אלע סארט ביכער אנטהאלטן געוויסע ענינים וועלכע קענען ח"ו אויסלעשן א חלק אור הנשמה ח"ו.
- די סארט שעדליכקייטן וועט מען פילע מאל נישט מרגיש זיין תיכף אויפן פלאץ, נאר עס וועט ארויסקומען אין די שפעטער'דיגע יארן ה"י, אבער דאס איז איינמאל זיכער אז עס שעדיגט, סיי ביי אינגלעך און סיי ביי די מיידלעך!.
- אויב מיטן מעקן איינצעלנע ווערטער ווערט שוין אויסגעריסן דער פראבלעם; איז גוט, אויב נישט; דארף מען מעקן לענגערע פאראגראפן - אפילו דאס וועט גורם זיין אז די קינדער וועלן נישט פארשטיין די המשך הדברים פונעם ביכל.
- 'היסטאריע והליטראטאור' ווערן דערמאנט אינעם בריוו אלס די שעדליכסטע לימודים וואס מען האט דאן געלערנט, און אז אפילו דאס, איז נאטירליך פול מיט אלע מיני ניאוף כפירה ומינות ר"ל!
- און אפילו ווען עס זעט אויס בלויז ווי אינטערעסאנטע ערציילונגען; ליגט אבער דערין דעם גאנצן 'הרגש' און 'געפיל' פונעם 'גוי' דורכאויס דעם גאנצן ערציילונג!
- 'סייענס' ווערט נישט דערמאנט אלס א לימוד אינעם שולע.

דער דאזיגער היסטארישער בריוו טוט קלארשטעלן די ריכטיגע בליק וויאזוי מען איז צוגעגאנגען צו דעם גאנצן ענגלישן לערנען, און בפרטיות וויאזוי דאס דארף צענזורירט ווערן, און די חרדה וויאזוי מען איז צוגעגאנגען דערצו ווי על גבי גחלים.

מה נאמר אנן, וואס זאל מען היינט זאגן, ווען די רעגירונג פארלאנגן זייער קלאר אז די לימודים זאלן אהערגעשטעלט ווערן אויפן מאקסימאלסטן שטייגער גלייך צום פאבליק סקול, איז קל וחומר ב"ב של ק"ו אז מען דארף דאס אוועקשליידערן מיט מסירות נפש, און דער רבי האט געלערנט **"שאפילו תחת הלחץ זה הדחק של חוקי המדינה אסור ללמדם!"**.

## אט זעהט דעם בריוו, און לאמיר דאס אינאיינעם אפלערנען:

דער בריוו איז אדרעסירט צו הגה"צ ר' יעקב דוד דאמב ז"ל אב"ד אברכים סאטמאר לאנדאן - ראה"כ באבוב - ונשיא בית חינוך לבנות בנות ירושלים, וועלכע האט אים אנגעפרעגט איבער וויאזוי זיך נוהג צו זיין מיט די ביכער פון לימודי חול, נאך וואס ער האט געעפנט זיין מיידל שולע 'בנות ירושלים - לאנדאן', און אט דאס איז געווען זיין ענטפער:

*ב"ה יום ב' פ' וירא ה'תשל"ז*

*לכבוד ידידי הוותיק ר' יעקב דוד נ"י*

*הנה ידידנו המופלג ר' בנימין הערש נ"י מסר לי אגרת שקבל ממך ובקש ממני שאשיב לך חוות דעתי הקלושה בזה הענין, הנה זה רבות בשנים ואני עוסק עם רב"צ הנ"ל בפיקוח והשגחת הביכער של הסקול שלהם. (כמובן בצנעה ובסתר כי אינני רוצה פרסום בזה כלל וכלל מכמה טעמים) ובשביל זה אפשר שאוכל לסייע אתכם בשיקול הדעת שלי בעזה"י.*

*קודם כל תדע ידידי כי עצם ההגשה אל הביכער באיזה מין שיהיה הן בהיסטארי הן בליטעראטור, והן ב* **Geography** *או ב***social studies***, ואפי' בספרי החשבון שלהם נאחז מאד בסבך הסט"א והקליפה של האומות העולם, כי כמו שלהבדיל בחכמת התורה יש לכל מקצוע שבתורה קדושה מיוחדת ומועילה לאיזה חלק מהנפש האלוקית ומזה יחיה האדם כמו"ש בתהלים קאפ' קי"ט לעולם לא אשכח פקודיך כי בם חייתני.*

***כמו כן יש בכל מין מהביכער דבר שמכבה ח"ו לאיזה חלק של אור הנשמה, ואם אינו מרגיש עכשיו יעשה רושם לאחר זמן, אבל ברור הוא שיזיק ח"ו הן בנערים והן בבתולות.***

*אבל לפי מצב הזמן שהמלכות מכרחת ע"פ חוקיה להכניס בבתי ספר את הלימודים האלו, ומבלעדי זה יש ג"כ כמה הורים שאם לא יקבלו בניהם לימודים אלו יכניסו אותם לבתי ספר אחרים, הכריע בדעתו האדמו"ר מסאטמאר שליט"א [זי"ע] להכניס הלימודים האלו בהמוסדות שלו.*

***והנה מובן מאליו שהכוונה והמטרה למעט בענינים אלו בכל מה דאפשר,***

***וגם יש דברים שלפי דעת אדמו"ר מ'סאטמאר שליט"א [זי"ע] 'שאפילו תחת הלחץ זה הדחק של חוקי המדינה אסור ללמדם'!***

*והנה בראש כל מרעין, הוא לימוד ההיסטאריע והליטראטאור, לפי שהם מלאים מכל מיני ניאוף כפירה ומינות ר"ל! ובר מן דין אפי' תמצא סיפור שמן החוץ נראה שאינו מזיק, לפי שאין זה רק סיפור דברים של* **adventure**, ***יש שם ההרגש של גוי באורך ורוחב של הסיפור!***

*והנה אמשול לך משל בזה:* (דא האט רבי מאיר אראפגעברענגט אין ענגליש א העתקה פון א ענגלישע ביכל וואס רעדט פון א גוי וואס פארברענגט מיט זיינע מגושמ'דיגע הנאות)

***דבר זה להכניס בלב הילד הרגש של גוי הוא דבר מסוכן מאוד, לפי שאפי' בלא זה הלא האויר הוא מלא מזה וצריך שמירה מעולה ולא להיות נלכד בפח הזה, וק"ו שלא לגרום בידים שהילדים והילדות יטעמו מזה, והנך רואה בעיניך עד היכן הדברים מגיעים.***

(און דא איז הרב הגאון ר' מאיר זצ"ל מאריך מיט דוגמאות פון פשוט'ע פארציילונגען אין סתם גויאישע ליטעראטור ביכער, וואס אויבנאויף באמערקט מען נישט די טיפע גיפט וואס ליגט דערין, און אומבאמעקטעדהייט ברענגט דאס אריין אן זיין מח די געגאנקענגאנג פונעם גוי אין א קינד, און דאס שעדיגט רח"ל זיין אידישקייט, און ווי שטארק מען דארף זיין נזהר אויסצומעקן אזעלכע סארט זאכן).

*ועכשיו על דבר השאלות ששלחת.*

*ראשית אגיד לך כי נראה שהאברך המשגיח על הביכער הוא ירא וחרד לדבר ה', זה נראה משאלותיו*

*הנה יש שאלות בלה"ק ויש בענגליש.*

*שאלות בלה"ק:*

*א) זה ברור שצריך למחוק זמן שהוא קודם בריאת העולם, אבל אם למחוק גם סברתם איך הדבר נתהוה בריבוי שנים או לא... הנה זה ידוע וכו', אבל השינוי שהאפיקורס מגיד, זה מיוסד על יסודות של כפירה, ומשתמש בזה להכחיש מעשה בראשית ח"ו, למשל יש להם שיטה של ...... וכדומה, שזהו כפירה גמורה מכל וכל ר"ל, וכהנה רבות, וצריך לשרש אחריו ולמוחקו כולו, לא לבד הדאטום.*

*ב) תמונות מבתי ע"ז וכדומה, למשל שהם מראים בהדזשיאגראפי ביכער תמונות מבתי ע"ז הישנות וכו', צריך למחוק, לא לבד הצלמים, אלא כל התמונה לגמרי.*

*ג) איננו רואה קפידא בסיפור מסע הצלב, ואדרבה יש הרבה קינות בט' באב שמדברים מן הצלבים הארורים ימ"ש.*

*ד) צריך למחוק כל הצלמים באיזה מקום שהם, אפי' אם הם הרבה.*

*ה) צריך למחוק כל תמונה של בגדי שחץ...*

*ו) אם מחיקת תיבה אחת מספיק להשלמת כוונת המוחק הרי טוב, ואם לא, אין להשגיח אם יועיל או יזיק לכוונת והבנת הילד.*

*שאלות בענגליש:*

*המלה* **B.C.** *או* **A.D.** *מובן מאליו שצריך למחוק, אבל הדאטום בעצמו יכולין להניח. - לנו לעצמינו אסור להשתמש בדאטום כזה שהוא לשנות הנוצרי יש"ו, אבל אם הם מביאים הדאטום בעצמם אין קפידא, ..שמעתי מהרב שלנו זכרונו לברכה* (המלאך) *שבטשעק וכדומה בשטרי עסק מותר לכתוב זה הדאטום.*

*2) עיין בנומער 4 בהליסטע שאני מצרף פה.*

*3) דבר זה הוא כפירה...*

*5) זע* **Question** *ג* **In** *לשה"ק ורציתי להעיר שאם וכו' אסור לקיים... כי הוא שבח לע"ז.*

*וע' בנומערע 6 וגם בנומערע 4 בהליסטע*

*עוד אחת רצוני להעיר כי כמה פעמים שמביאים דאטום של* **Egypt Ancientg** *שהוא על פי החשבון קודם לדור הפלגה, וזהו נגד התורה. - יש לי עוד כמה דברים נוגעים לענין זה אבל אי אפשר לי פרש הכל בכתב...*

**מכתב מהרב ר' מאיר וועבערמאן ז"ל**



# 'סאשעל סטאדיס \ דזשיאגראפיע' אמאל און היינט

ליידער זענען פארהאן אומוויסנדע מענטשן וואס מישן ארום אין יסודות'דיגע זאכן און אומווילנדיג זייען זיי אן חורבנות בכרם בית ישראל מיט זייערע טעותים. דאס קומט פון אזעלכע וואס האבן ב"ה געהאט נאך די זכיה צו לערנען אין די הייליגע חדרים פון אמאל, וואו בכוונה תחילה, על פי הוראות ברורות פון מרן רבינו הק' מסאטמאר זי"ע, האט מען ביי די יונגלעך אויסגעלערנט נאר גאר קנאפע מינימאלע ידיעות אפילו אין די בלויזע כתב ולשון המדינה, און ווי אין די אלע ערליכע אידישע שטובער וואס מען האט זיך נישט באנוצט אינדערהיים מיט די גוי'אישע שפראך און נישט געליינט קיין גוי'אישע ביכער, האבן אפילו די גאר געלונגענע קינדער מיט די שארפסטע קעפ וואס האבן יא מיטגעהאלטן אלע לימודי חול, נישט געקענט נאכן ארויסקומען פון די חדר יארן נאר בלויז עטליכע הונדערט וויכטיגע ווערטער צום ליינען און שרייבן, און זיכער נישט געקענט אפליינען סיי וועלכע לענגערע ארטיקל. און אפילו די וואס האבן זיך למעשה שפעטער יא באקענט מער פליסיג מיט די ענגלישע שפראך, איז דאס געווען הערשט נאכן זיין עטליכע יאר אין די ביזנעס וועלט וכדומה, און אפילו דאן על פי רוב בלויז אין די טעמעס וואס זיי זענען עוסק, איינער מער און איינער ווייניגער, לויט די כשרונות און געוואוינהייט פון גרינטליכקייט, אבער פילע זענען אפילו נאך לאנגע יארן זיין אין מסחר, ב"ה נאך אלץ אומבאהאוועוועט אין די גויאישע שפראך, און אודאי אין באגריפן פון שפראך פון געזעץ, און נאך ווייניגער אין די ווערטער וואס ווערט באנוצט אין די גויאישע עדיוקעישאן - וואס דאס איז גראדע א געוואונטשענע זאך, ווי פילע צדיקים האבן שטארק מחשיב געווען די וואס האבן ווייניג קענטעניס אויך אין כתב ולשון המדינה, ווי עס ווערט ציטירט מפי ספרים וסופרים אין דעם הערליכן ליקוט ספר "שלא שינו את לשונם" פון הרה"ח ר' שלמה הערצאג שליט"א.

אט די סארט מענטשן, מחמת חסרון ידיעתם ומיעוט שימת ליבם, און נאך אנדערע זייטיגע סיבות, מאכן זיי א שרעקליכע צומישעניש ביי זיך און ביי אנדערע, זייענדיג מדמה מענין לענין שלא באותו ענין, און אומווילנדיג זענען זיי מכשיל את הרבים מיט'ן מתיר זיין די הארבסטע ענינים וואס אבותינו ורבותינו הקדושים זי"ע האבן דאס געזעהן פאר א סכנה נוראה צו לערנען ובפרט מיט קינדער, און במיוחד מרן רבינו הק' מסאטמאר זי"ע וואס האט מיט מסירות נפש ארייגעפלאנצט די הייליגע מסורת התורה האמיתי בלי שום שינוי כל שהוא, און אינעם גייסט פון די טמא'נע אמעריקאנער לופט וואס ווערט וואס א יאר מער מסוכן פאר די עתיד הדורות, האט ער נאך פילפאכיג מער מוסיף געווען און פארשטארקערט אלע גדרים וסייגים זיך צו דערווייטערן פון יעדע סארט התחדשות ובפרט פון יעדע מין מינדעסטע שייכות פון קירוב הדעת צום גוי און גויאישקייט, והדברים ידועים און איז אנגעפילט אין זיינע הייליגע ספרים.

איינע פון די זאכן מיט וואס מען איז מבלבל, זיך מיט אנדערע, ווען מען טרעפט צווישן פארשידענע רשימות פונעם אמאל, עפעס א נאמען פון א באגריף וואס קען האבן מערערע אפטייטשן, דאן, אפילו מען ווייסט נישט - אדער מען ווייסט קלאר פארקערט - וואס עס זענען געווען די געקליבענע חלקים וואס מען האט ערלויבט, וועלכע חלקים דערפון האט

# פראטאקאל פון שנת תש"כ ווידערצייגט אז 'מסורה' קען נישט געבויעט ווערן אויף האלבע מעשה'לעך...

אין די לעצטערע תקופה האבן זיך געוויסע שרייבערלעך ערלויבט ארויסצוגעבן פאמפלעטן פארצושרייבן א נייע מכלומר'שטע מסורה, געבויעט אויף מעשה'לעך און לעגענדעס, וואס איז אין שארפן קאנטראסט און אפגיג פון די צדיקים הקודמים זי"ע וועלכע האבן געפירט א מלחמת חרמה אנטקעגן אזא סארט מהלך, וואס איז מסוכן אוועקצופירן אידישע קינדער פון די הייליגע תורה.

וואס אין אמת טוען די דאזיגע ביליגע געלע בלעטער בויען א גענצליך נייע מסורה, און דאס ווערט גאר פארוואנדלט אין א לכתחילה'דיגן דעת תורה פון רבותינו הקדומים זי"ע.

דערפאר איז אין פלאץ צו ציטירן די אויטענטישע הייליגע הדרכות וואס מרן רביה"ק מסאטמאר זי"ע האט געהייסן פאר די הנהלת המוסדות איבער מחנכות וואס לערנען זאכן וואס איז נישט אויסגעהאלטן.

דער דאזיגער פראטאקאל איז פארבליבן פון א אסיפה פון מרן רביה"ק מסאטמאר זי"ע, און איז גענוי אפגעשריבן געווארן בשעתו ווארט ביי ווארט, און איז געדרוקט אין ספר אגרות מהרי"ט סימן תעז.

צום ערשט שטייט אז דאס איז פארגעקומען אין שטוב פון כ"ק מרן זי"ע ביום ג' תשא תש"כ לפ"ק, מיט די אנוועזנהייט פון אבדק"ק מוזשאי, הגה"צ ר' נתן יוסף מייזעלס, הרה"ח ר' ליפא פרידמאן, און מרס. ווײנשטאק.

צווישן אנדערע ווערט דארט ציטירט פון רביה"ק אז די מטרה פון די אסיפה איז מתקן צו זיין געוויסע פעלערן וואס איז געשאפן געווארן במשך השנים אין די מוסדות הקדושים מיט די לערערינס וואס האבן אליינס אריינגעברענגט לימודים אן א געהעריגע השגחה, ווי אויך דורך איינפלוס פון געוויסע טיטשערס, און דאס דערקענט זיך שוין אויף געוויסע תלמידות.

רביה"ק פאדערט בכל תוקף דאס מתקן צו זיין, סיי ביים קלויבן די טיטשערס נאך מער ווי ביי די מלמדים, און סיי די השגחה אויף די לימודים.

דער פראטאקל פארענדיגט זיך בזה"ל: **"די ענגלישע לימודים מוז רעדוצירט ווערן בפרט ביי א געוויסע טיטשערן וואס טרייבט איבער מיט דעם לערנען אין ענגליש און עס העלפט נישט קיין אזהרות ביי איר, די דארף מען אויסטוישן ביים נעקסטן יאר."**

[עס דארף אנגעצייכענט ווערן אז אזוי פארציילט טאקע איינע פון די תלמידות פון יענע יארן אז עס איז געווען א לערערין וואס מען האט נישט צוריקגענומען אין סקול צוליב דעם ווייל זי האט געלערנט צופיל ביי ענגליש].

די דאזיגע הייליגע דיבורים זענען בלויז א קליינעביישפיל אפצושלאגן די פאלשע מהלך פון אפירנעמען געוויסע מעשהל'עך און אזויגערופענע דאקומענטאציעס (רעפארט קארטלעך) צו באזירן א מסורה, וואס איז דער היפך פון די מסורה און תורה שלימה וואס איז אפגעשריבן אין אלע ספרי קודש, איבערהויפט בספרי דבי רב פון מרן רביה"ק מ'סאטמאר זי"ע, דער ביישפיל טוט נאר נאכאמאל פעסטשטעלן וואס דער בעל הילולא האט כסדר געווארנט אז מען זאל נישט בויען קיין יסודות אויף קיינע סיפורים, והבל יפצה פיהם..


אגרות בפקודת הקודש מהרי"ט שצט

שצח אגרות בפקודת הקודש מהרי"ט

תעו.

הזמנה להאדמו"ר מצאנז נריבוב שליט"א לאסיפה עבור המוסדות

ב"ה

שוכט"ס למע"כ ידידנו הנכבד מוה"ר הרב נפתלי הלברשטאם סאנזער רב" שליט"א.

כבודו מתבקש לבוא לאסיפה מיוחדת, לבית כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א, בבעל הארבאר, מוצש"ק פרשת תולדות הבע"ל, בשעה 8 בדיוק, המדובר לטובת ישיבתינו הקדושה.

בידידות וברדש"ח
יוסף אשכנזי

■ ■ ■

תעז.

פראטאקאל מהאסיפה בבית רבינו בענין חינוך הבית רחל

ב"ה

מען נישט צוגעלאזט און איז געווען אסור בתכלית האיסור, וואס זענען געווען די קלארע תנאים וואס נאר אזוי האט מען דאס מתיר געווען, וויפיל קאפ און מח מיט זהירות יתירה מען האט אריינגעלייגט דאס צו צענזורירן אפילו אין די אמאליגע סארט ביכער, ביי וועלכע יארגאנג האט מען דאס יא אדער נישט געלאזט, צו דוקא ביי מיידלעך צו אויך ביי יונגלעך. און צוליב די אומוויסנשאפט אינאיינעם מיט שטארקע נטיות אנצוקומען צו געוויסע אומפארזיכטיגע מסקנות, מאכט מען תיכף א גזירה שוה און א בנין אב, מען מאכט נישט קיין חילוק צו דער 'חמר' מיינט ווין צו עס מיינט גאר א אייזל, עס ווערט תיכף א 'מסורה חדשה' אז וואס עס קען נאר ווערן אנגערופן מיט דעם זעלבן נאמען, איז שוין אויטאמאטיש אלעס 'מותר לכתחילה', אדער גאר א 'חיוב', פאר יעדן איינעם, אויף יעדן אופן, מיט אלע סארט שעדליכקייטן, וכו'.

אזא סארט באגריף זענען די צוויי ווערטער "סאשעל סטודיס", וואס מען האט געלאזט לערנען מיט די מיידלעך. די משמעות פון די ווערטער "סאשעל סטודיס" קען כולל זיין אין זיך טויזענטער זאכן און באגריפן פון די דרויסענדע גוי'אישע וועלט, פון פשוט'ע זאכן וואס מען קען מתיר זיין צו לערנען מיט מיידלעך, ביז די הארבסטע 'דברים האסורים והחמורים' וואס זענען 'ביהרג ואל יעבור', און אומצאליגע זאכן אינצווישן וואס זענען בכל אופן אסור און שעדליך צו לערנען 'אפילו מיט מיידלעך', און אודאי איז יעדע חלק דערפון אסור צו לערנען מיט 'אינגלעך' די הייליגע תינוקות של בית רבן מיט ווען מען טאר נישט לערנען קיין שום ידיעות וואס קען דאס מינדעסטע אוועקנעמען די מח פון לימוד התורה, און קען פארקרומען די דעת ביים לערנען די הייליגע תורה, וכמבואר בספרי רבותינו הקדושים זי"ע.

עס איז איבריג צו מדגיש זיין אז לגבי יעדע זאך וואס האט מיט 'חכמות חיצוניות', ובפרט ווען מען רעדט פון דאס לערנען מיט די סייענטיפישע כללים וועלכע זענען שעדליך פאר א אידישע מח, און אזוי אויך יעדער ענין וואס האט מיט די קולטור און תרבות הגוים, איז דאס גארנישט לייכטער ביי מיידלעך, און אדרבה גאר פארקערט, ווי מרן רבינו הק' מסאטמאר זי"ע איז מבאר אין די באקאנטע תשובה, אז וויפיל שעדליכקייט מען טרעפט אין די ספרים הקדושים ביי יונגלעך וואס לערנען כאטש די תורה הקדושה וואס קען זיי אפשר אביסל באשיצן פון די שרעקליכע רוחניות'דיגע היזיקות, איז די סכנה דערפון פיל מער ביי מיידלעך וואס סיי האבן זיי נישט קיין תורה, און סיי דאס וואס יעדע סארט התחכמות וואס קומט דורך לערנען וועלטליכע חכמות איז ביי מיידלעך פיל שעדליכער. אבער ביי טרוקענע וועלטליכע ידיעות, ריין פון חכמות און פון יעדע ברעקל גויאישקייט, און צענזורירט אזוי ווי מרן רבינו הק' מסאטמאר זי"ע האט פארלאנגט, איז דא פילע איסורים און סכנות וואס שטייט אין ספרי קודש וואס איז דייקא נוגע פאר יונגלעך וואס דארפן לערנען די תורה הקדושה, און ביי מיידלעך איז דאס בכלל נישט אין די זעלבע קאטאגאריע, דערפאר ווען דער צדיק אמת דער ממשיך המסורה האמיתי של תורתינו הקדושה האט געזעהן דערין א צורך הרבים, האט ער דאס מתיר געווען ביי די מיידלעך מיט קלארע פארשריפטן.

בלויז גאר קליינע חלקים פון 'סאשעל סטודיס' האט מען געלאזט אריינלייגן צווישן די ליטעראטור וואס מען האט געגעבן פאר די "מיידלעך", ביי וועמען מרן רביה"ק מסאטמאר זי"ע האט שוקל געווען בדעתו הגדולה אז ביי מיידלעך וואס איז נישט דא די איסורים פון קביעות מחשבה בביטול תורה און נאך איסורים און שעדליכקייטן וואס איז דא ביי אינגלעך אפילו ביי סתם ידיעות העולם אן קיין שום חכמות אדער תרבות הגוי, דעריבער מחמת הכרח המצב אין מערערע ענינים אשר אכמ"ל האט מען קובע געווען אז עס זאל ווערן צוגעשטעלט פאר זיי עטליכע שעה א טאג א פולע סדר פון לימודי חול וואס עס זאל זיין כשר ריין, דעריבער האט מען געמוזט כסדר ארומטוישן די לימודים מיט געקליבענע זייטיגע צענזורירטע ידיעות, וואס דאס איז מיט די יארן געווארן אנגערופן 'סאשעל סטודיס'.

אין פאקט האט מען אין די ראמען פון "סאשעל סטודיס" בשנים קדמוניות אין די סאטמארע מיידל שולעס געלערנט, אויף גאר א טרוקענעם פארנעם, בלויז די 'היסטאריע פון ניו יארק' און פון 'אמעריקא', די אויסשטעל פון די

פארזעצונג אויף זייט 16

The 1977 revision was initiated by President Stanley Wronski in 1974 and provided for input from all constituents of NCSS. Among the principal concerns that prompted the revisions were the following (Mehlinger 1977, 4): (1) redefining the term "social studies"; (2) increasing the influence of the House of Delegates; (3) increasing the involvement of classroom teachers (who accounted for over half of NCSS membership);

Social Education November/December 1995 | Social Studies

(4) eliminating sexist language; (5) deleting references to NEA; and (6) providing increased continuity on the Board of Directors. These changes clearly were motivated by a desire to improve the organization's responsiveness to its members and to culminate the process of distancing the Council from NEA begun a decade earlier.

The concern for revising the definition of the term "social studies" spoke to the wider issue of developing a professional identity. Until this time, the NCSS Constitution had read: "The term 'social studies' is used to include history, economics, sociology, civics, geography, and all modifications or combinations of subjects whose content as well as aim is predominantly social." The revised Constitution read as follows:

> *The term "social studies" is used to include the social science disciplines and those areas of inquiry which relate to the role of the individual in a democratic society designed to protect his and her integrity and dignity and are concerned with the understanding and solution of problems dealing with social issues and human relationships. (Mehlinger 1977, 4)*

At the end of the 21st Assembly of the House of Delegates an amendment was proposed that suggested an editorial change to the definition of social studies which resulted in Article I, Sec. 1, which was approved in 1979, reading as follows:

> *The term "social studies" is used to include the social science disciplines and those areas of inquiry which relate to the role of the individual in a democratic society. The social studies are designed to protect the individual's dignity; they are concerned with the understanding and solution of problems dealing with social issues and human relationships.*

Social Education November/December 1995 | Social Studies

would probably agree that a generally accepted goal of social studies programs is the attainment of a civic competence which recognizes local, national, and international citizenship responsibilities. Given the demands of our changing society, helping young people to learn problem solving and decision-making skills is a prerequisite for civic competence.

The most recent (and probably not the last) definition of social studies is provided in the social studies standards.

> *Social studies is the integrated study of the social sciences and humanities to promote civic competence. Within the school program, social studies provides coordinated, systematic study drawing upon such disciplines as anthropology, archaeology, economics, geography, history, law, philosophy, political science, psychology, religion, and sociology, as well as appropriate content from the humanities, mathematics, and natural sciences. The primary purpose of social studies is to help young people develop the ability to make informed and reasoned decisions for the public good as citizens of a culturally diverse, democratic society in an interdependent world (Expectations of Excellence: Curriculum Standards for Social Studies 1994, vii).*

דאקומענט פון א אפהאנדלונג ארויסגעגעבן דורך די "נעשענעל קאנסול פאר די סאושעל סטאדיס" וועלכע באשרייבט די היסטאריע פון 'סאושעל סטאדיס', און איבער די פארשידענע טוישונגן במשך די יארן אויף דעם אינהאלט און טערמין פון 'סאושעל סטאדיס'.

גאר מערקווירדיג איז אז דער ערשטער טויש האט זיך אנגפאנגן אין שנת תשל"ט! שנת הסתלקות של אבינו רועינו זצוקללה"ה

עס איז שטארק קענטיג דער אינטערשייד במשך די יארן, ווען פון אנפאנג אנטהאלט דאס בלויז גאנץ טרוקענע סובדשעקס, און עס ווערט וואס אמאל מער און מער פארברייטערט אריינצונעמען אלע סארטן השקפות און געדאנקנגאנג פון אלע ערליי סארט מענטשן, און ווי אזוי זיי צו פארשטיין און רעספעקטירן...

**(iii) Social studies:**

(a) Students will use a variety of intellectual skills to demonstrate their understanding of major ideas, eras, themes, developments and turning points in the history of the United States and New York.

(b) Students will use a variety of intellectual skills to demonstrate their understanding of major ideas, eras, themes, developments and turning points in world history and examine the broad sweep of history **from a variety of perspectives**.

(c) Students will use a variety of intellectual skills to demonstrate their understanding of the geography of the interdependent world in which we live - local, national and global - including the distribution of people, places and environments over the Earth's surface.

(d) Students will use a variety of intellectual skills to demonstrate their understanding of how the United States and other societies develop economic systems and associated institutions to allocate scarce resources, how major decision-making units function in the United States and other national economies, and how an economy solves the scarcity problem through market and nonmarket mechanisms.

(e) Students will use a variety of intellectual skills to demonstrate their understanding of the necessity for establishing governments; the governmental system of the United States and other nations; the United States Constitution; the basic civic values of American constitutional democracy; and the roles, rights and responsibilities of citizenship, including avenues of participation.

Definitions 100.1 ,§NYCRR (New York Codes Rules and Regulations),
שטעלן זיי אוועק די פולע סובדזשעקסט וואס סאושעל סטאדיס אנטהאלט, און תוכן וואס די קינדער דארפן קענען ארויסנעמען

**Introduction**

Social Studies is intended to promote civic competence through the integrated study of the social sciences and humanities. Within the school program, Social Studies provides coordinated, systematic study that draws upon such disciplines as anthropology, archaeology, economics, geography, history, law, philosophy, political science, psychology, religion, belief systems, and sociology, as well as upon appropriate content from the humanities, mathematics, and natural sciences. The primary purpose of Social Studies is to help young people develop the ability to make informed and reasoned decisions for the public good as citizens of a culturally diverse, democratic society in an interdependent world (adapted from the National Council for the Social Studies [NCSS] definition of Social Studies).

אינעם NY Social Studies Framework K12, שרייבן זיי אינעם אריינפיר, אז דער ציל פון סאושעל סטאדיס איז איינצוווארצלען אינעם סטודענט דעם גאנצן שמעלץ טאפ פון אלע ליבעראלע כפירה און תועבות

**1.3 A citizen is a member of a community or group. Students are citizens of their local and global communities.**

1.3a An engaged and active citizen participates in the activities of the group or community and makes positive contributions.

- Students will participate in group activities and contribute to the work of the group.

1.3b Traits of a responsible citizen include respecting others*, behaving honestly, helping others, obeying rules and laws, being informed, and sharing needed resources.

* According to the *Dignity for All Students Act*, "others" includes, but is not limited to, people of different races, weights, national origins, ethnic groups, religions, religious practices, mental or physical abilities, [redacted]

Grades K-8 Page 24

אין K8 עמוד 24, שרייבן זיי אז אין דעם סאבדזשעקט דארף מען אויסלערנען די סטודענטן רעספעקטירן "**אנדערע**": זיי צייכענען צו א הגה, אז די ווארט "אנדערע" באדייט, אז מען דארף אויסלערנען צו רעספעקטירן אלע עטנישע גרופעס, אלע רעליגיעס, אלע רעליגיע פראקטיצירונגען, און אלע געמיינע מושחתים פון דור המבול. רחמנא לצלן

**Grade 3: Communities around the World**

In "Communities around the World," students learn about communities around the globe and about global citizenship. Students bring with them knowledge about their communities. In this course, students make comparisons across time and space, examining different communities and their cultures. Culture includes social organization, customs and traditions, language, arts and literature, religion, forms of government, and economic systems. Students are introduced to the concepts of prejudice, discrimination and human rights, as well as to social action.

6.4b Belief systems and religions are based on sets of mutually held values.

- Students will study the belief systems of Judaism, Christianity, Islam, Buddhism, Hinduism, and Confucianism by looking at where the belief system originated, when it originated, founder(s) if any, and the major tenets, practices, and sacred writings or holy texts for each. (Note: Although not within this historic period, students may also study Sikhism and other major belief systems at this point.)

6.4c Belief systems and religions often are used to unify groups of people, and may affect social order and gender roles.

- Students will be able to identify similarities and differences across belief systems, including their effect on social order and gender roles.
- Students will explore the influence of various belief systems on contemporary cultures and events.

אין עמוד 41 - און אין עמוד 84: "מען דארף לערנען דעם סטודענט אלע קולטורן \ רעליגיעס מיט די 'בעליף סיסטעמס' פון אלע עבודה זרות פון ארום די וועלט"

9.9d The development of the Scientific Revolution challenged traditional authorities and beliefs.

**1750–1914: An Age of Revolutions, Industrialization, and Empires**

**10.2: ENLIGHTENMENT, REVOLUTION, AND NATIONALISM: The Enlightenment called into question traditional beliefs and inspired widespread political, economic, and social change. This intellectual movement was used to challenge political authorities in Europe and colonial rule in the Americas. These ideals inspired political and social movements. (Standards: 2, 3, 5; Themes: MOV, TCC, GEO, SOC, GOV, CIV)**

10.2a Enlightenment thinkers developed political philosophies based on natural laws, which included the concepts of social contract, consent of the governed, and the rights of citizens.

- Students will examine at least three Enlightenment thinkers, including John Locke, Baron de Montesquieu, and Jean-Jacques Rousseau, and key ideas from their written works.

10.2b Individuals used Enlightenment ideals to challenge traditional beliefs and secure people's rights in reform movements, such as women's rights and abolition; some leaders may be considered enlightened despots.

די שעדליכע סטאנדארטן וואס ווערט פארלאנגט היינט אין סארשעל סטאדיס, וואס ליידער האבן זיך די מוסדות אונטערגענומען מיט א אנגעבליכע פאלשע מסורה אנטקעגן די תורה
(פון קונטרס ברענעדיגע פאקטן)

GRADE 9-12 עמוד 16 און אין עמוד 21 "סטודענטן דארפן לערנען אין סאושל סטאדיס, אז לויט די היינטיגע אויפגעקלערטע סייענס פארשונגען

ווערן אפגעפרעגט אלע אנגענומענע אויטאריטעטן און גלויבונגען (רח"ל), און עס שטופט פאראויס רעפארם און פרויען רעכטן.

# 1) לימוד חכמת חיצונית

### -טיב לבב מכתבים מכתב כ׳-
### תשובה אין די ענין פון שיקן קינדער צו די בירגער שוהלן

און וועגן די שאלה צו דער וואס שיקט דארט הייסט אז ער איז מגדל זיינע קינדער עפ״י דת תורה״ק?

עס פעלט נישט אויס אין דעם קיין אריכות, ווייל דער מהר״ם שי״ק ברענגט שוין אין יו״ד (סי׳ שלי״ה) אז עס איז באוואוסט און **מפורסם אז די פרעמדע חכמות פירט אפ דעם מענטש פון יראת שמים און געלויבט השי״ת וואס האט אונז געראטעוועט פון דעם.**

און ער ברענגט דארט אויך דעם רמב״ם אז די לאו פון ולא תתורו אחרי לבבכם איז אז מ׳טאר נישט לערנען אדער קוקן א זאך וואס ברענגט צו גרינגשעצונג אדער ספיקות אין די אמונה.

....אויך שרייבט דארט דער מהר״ם שי״ק אז א זאל וואס איז א סכנה לנפש איז אסור מק״ו פון סכנת הגוף וואס מ׳טאר נישט גיין אונטער א שוואכע בריק אדער וואנט וואס קען אראפפאלן...

**...איי מ׳זעהט דאך אזעלכע וואס זענען דארט געגאנגן און זיי זענען נאך ערליך?** אבער אויך די וואס גייען אונטער א שוואכע בריק אדער וואנט אדער אויף א דאך אן א צוים בלייבן אסאך איבערביים לעבן, און פונדעסטוועגן טאר מען דארט נישט גיין, ק״ו ביי דעם וואס אסאך זענען שוין ארויס לתרבות רעה דורך דעם, און עס איז זייער פיל די געהרגעטע דערפון.

און באמת **אפילו פאר די וואס האט נישט געשאדט אזוי שטארק, אבער דאס איז זיכער אז אויב זיי וואלטן נישט געגאנגן דארט וואלטן זיי געווען אסאך בעסער,** ממילא ליגט די חיוב חינוך פונעם טאטן אים מחנך צו זיין על דרך התורה והיראה, און א ק״ו אים נישט מחנך זיין אויף א וועג וואס קען ח״ו שאדטן פאר תורה ויראה, און דאס איז די עיקר מצות חינוך צו זיין א רואה את הנולד, אזוי ווי ס׳שטייט אין משלי חנוך לנער על פי דרכו גם כגי יזקין לא יסור ממנה, און דאס איז די חיוב אויפן טאטן מדין תורתינו הקדושה.

עס איז נאך דא אסאך מאריך צו זיין אין דעם, אבער די צייט ערלויבט עס נישט, אבער דאס איז גענוג פאר איינעם וואס זוכט דעם אמת.

און מ׳דארף זיך מתבונן זיין, אז **בעוונותינו הרבים אסאך מדינות זענען אינגאנצן אראפ פונעם וועג רח״ל, אזוי ווי מדינת בעהמען און מעהרן, אויך דייטשלאנד וכדומה, וואס דארט איז געווען די מקור פון תורה און קדושה, אבער ווייל זיי האבן זיך איינגעוואוינט אין די לימודים אין זייערע בתי ספרים זענען זיי אראפ פון וועג אלץ מער און מער,** אזוי ווי די וועג פון יצה״ר היום אומר לו עשה כך ומחר אומר לו עשה כך וכו.

און אויך און אונזערע מדינות איז די נסיון מעיד אז די קיום התורה הקדושה פאר די דורות און די קינדער וייטער איז נאר ביי די וואס דערווייטערן זייערע זון און טעכטער פון די לימודים אין זיירע בתי ספרים.

**און ווער עס האט אויגן צוזעהן די מעמד הדורות פון יעדן פלאץ, וועט זיין הארץ פארשטיין דעם אמת פון דעם, נאך איידער די פייער וועט זיך אנכאפן אינעם רוב רח״ל....**

### שו״ת דברי יואל חו״מ סימן קמ״א

**...און כ״ש** די **התחכמות וואס קומט פון חכמות חיצונית וואס שאדט אפילו פאר די אינגלעך וואס לערנען אויך תורה איז א ק״ו בן בנו של ק״ו אז עס שאדט פאר מיידלעך וואס האבן נישט דעם כח התורה....**

### דברי יואל פרקי אבות פ״א משנה ז׳

מ׳טרעפט אין חז״ל (ב״ק פג.) אז רשב״ג האט געזאגט אז ביי זיין טאטן איז געווען 1000 קינדער, וואס 500 האבן געלערנט תורה און 500 האבן געלערנט חכמת יוונית (מטעם גזירת המלכות) , און עס איז נישט איבערגעבליבן נאר איך און מיין שוועסטער קינד.

קען פון דעם ארויסלערנען אז אפילו זיי האבן נישט געלערנט תורה מיט חכמת חיצוניות צוזאמען, נאר 500 האבן געלערנט תורה הק׳ און 500 האבן געלערנט חכמת חיצוניות, אבער וויבאלד עס איז געווען צווישן זיי התחברות האט עס געשאדט אויך פאר די 500 וואס האבן געלערנט נאר תורה הק׳, און **ווייל זיי האבן זיך מתחבר געווען צו די וואס האבן געלערנט חכמת חיצוניות זענען זיי אויך ארויס לתרבות רעה.**

### ויואל משה מאמר שלש שבועות סי׳ קע״ט

און הקדוש מהרצ״א זלה״ה בעהמ״ח ספר בני יששכר שרייבט אין די הקדמה פון ספר מעין גנים, ווייל איך האב מקנא געווען קנאת ה׳ צבקות אקעגן די קוץ ממאיר לבית יעקב, די כיתות הערב רב וואס זענען אויסגעמישט צווישן אידן, **און זיי פאנגן א גאנצן טאג נפשות זיי צו דערווייטערן פונעם עול התורה, און זיך צו באהעפטן צו די פרעמדע שויס, וואס דאס איז חכמות חיצוניות, ווייל** זיי ווילן הפקירות אראפצווארפן פון זיך די עול משא פון תורה ומצוות, ויאמרו לקל סור ממנו ודעת דרכיך לא חפצנו.

**און ווען זיי וואלטן זיך אינגאנצן אויסגעמישט מיט די גוים וואלט איך געשוויגן, אבער מיין גייסט קען נישט צוקוקן ווי זיי שלעפן אוועק אינג און אלט צו די חכמת חיצוניות מבטל צו זיין די תינוקות של בית רבן פון די תורת אלוקינו, שומו שמים על זאת.**

און וועגן דעם האב איך געוואלט שרייבן א ספר אז מ׳זאל דערווייטערן די זינדיגע מענטשן פון זיך צו דרייען בנחלת ה׳ און מ׳זאל זיך נישט אויסמישן מיט זיי.....

# 2) לימודי חול

### חידושי תורה דינער במסיבת מלוה מלכה בבארא פארק מוצש״ק וישלח תשכ״ו

אין איינוועגס וויל איך ערוועגען דא, הגם איך האף אז ס׳איז נאך נישט אזוי נפרץ, וועגן דעם ענין פון די לשונות העמים וואס מ׳מוז פון די רעגירונג אויס, זיי ווילן מ׳זאל קענען לשונות העמים, נו איז דאך גענוג וואס מ׳מוז, אבער דער וואס ער וויל זיין "פרומער פון די רעגירונג" אז די רעגירונג אליין זעהט אויך נישט איין אז אז מ׳זאל מער ברויכן, והראי׳ אז זיי צווינגען נישט אויף מער, נו ער זעהט נאך מער איין און וויל קענען מער, פון דעם איז נישט וואס צו רעדן.

און אויסער דעם, די וואס לערנען פריוואט לאזן זיך שיקען ביכער, זאל מען וויסן, מ׳קאן פארשטיין גאנץ גוט אז די אלע ביכער פון די או״ה זענען פיל מיט גיפט, - מילא דער אייבירשטער זאל אפהיטן, א מלכות המינות שטעקט אריין בכוונה מינות, פון דארט רעדט מן נישט דאס איז ארגער, אבער אפילו די מלכי אומות וואס זיי זוכן נישט בכוונה קיין מינות, ס׳איז אבער ממילא אזוי, זיי זענען דאך אזוי ערצויגן, זיי האבן נישטאמאל קין ידיעה וואס הייסט אמונה, זיי פארשטייען דאס נישט, און זיי לעבן פאר ניבול פה און פאר אזות און פאר מינו, לא ימלט זייעע אלע ביכער זענען פיל מיט גיפט, ס׳ליגט דערין מינות מיט דעות נפסדות.

אין א ישיבה וואס מ׳מוז דארף מען טאקע האבן א קאנטראלע, און דעס וואס מ׳מוז לערנען האבן דערויף א קאנטראלע, מ׳קוקט דורך די ביכער און מ׳נעמט ארויס, דאס מעג מען, זיי נייטן נישט מ׳זאל די אלע שטותים לערנען, זיי ברויכן נאר בעיקר דעס כתב ולשון, און אויף דעם קען מען האבן א קאנטראללע, אבער די וואס זיי לאזן זיך שיקן ביכער, ס׳איז שוין דא אויף דעם פלעצער פון ווי מ׳לאזט שיקן, מ׳זאל זיך אליין לערנען, און ס׳קומט אהן כל צרוע וכל זב וכל טמא לנפש, און מ׳קוקט אליין ביכער ווערט מען אנגעשטעקט מיט גיפט, זאל מען דא נישט האלטן פאר גרינג, און כדומה וכדומה אין די אלע ענינים זאל מען זיך נישט האלטן פאר גרינג.

ווי איך ברענג דארט אין ספר ויואל משה מאמר ג׳ מ׳פלעג אמאל צו זאגן אז ביכ״ל איז ר״ת כ׳ל ב׳אי׳ ל׳א יי׳שובון, ווארן ס׳ליגט אין דעם גיפט פון מינות און פון ניבול פה און פון אלעס וואס מ׳קען רעכענען, ס׳איז אפילו שלא בכוונה, ס׳גייט זיי נישט דעריך, נאר זיי קענען נישט אנדערשט, זיי לעבן נישט אנדערש, זייער גאנצער לעבנס באגריף איז מיט דער בחינה, פון ווי זאלן זיי דען נעמען, א יוד איז מען מגדל און מ׳פלאגט זיך פון קינדווייז אויסס מ׳זאל אים איינפרעגן אמונה מיט זהירות, און אזוי גייט עס הערשט זייער שווער, נישט יעדן געלונגט, אבער דאס קומט נישט ממילא, פונווי זאלן זיי דאס וויסן די וים, זיי זענען נישט ערצויגן אנדערש, אפילו די גרעסטע חכמים זייערע פאלן אריין, ממילא די אלע זייערע ביכער זענען ל״ע שעדליך.

אפילו בעוה״ר די אידישע ביכער, און אפילו ספרי קודש ברויך מען זיך אומקוקן ווי מ׳מעג ארייננקוקן היינט, ווייל ס״איז עלול נעבאך צו זיין ממקורים לא טובים, ומכ״ש ספרי אומות העולם, איבערהויפט נאך צופיעל, ס׳איז די והותר אז מ׳זאל קענען כתב ולשון, אבער צופיעל קענען, נאך וואס טויג דאס

...און ס׳איז גענוג אז מ׳קען דארט כתב ולשון, אבער צו וועלן נאך מער פון דעם איז נישטא וואס צו רעדן.

### כולל ענינים - סימן מ״ט
(כן הוא במהדורות ישנות שנת תשע״א, ובחדשות שינו הלשון בזה...)

**אות ה׳** - פארזיכטיגע עלטערן נעמען זיך צייט צו וויסן פונקטליך וואס פאר א מלמדים און לערערינס די קינדער האבן, מען איז אין קאנטאקט מיט זיי, מען אינטערעסירט זיך ביי די מחנכים און מחנכות פון די קינדער אויב זיי פירן זיך טאקע ווי מען דארף, אויב זיי פעלן נישט אנע וויסן פון די עלטערן, אויב מען האט נישט קיין פראבלעמען מיט זיי,

די ענגלישע טיטשערס דארפן א גאר השגחה יתירה.

עקסטערע דארף מען דאס שטארק אינזינען צו האבן פרעגן די קינדער שטענדיג אויב זיי האבן נישט געלערנט אדער דערציילט זאכן וואס א אידיש קינד דארף נישט הערן און נישט וויסן.

אמאל זענען די ביכער נישט גענוג גוט דורכגעקוקט געווארן, א חלק פון זיי האבן השקפות און מיינונגען וואס זענען זייער ווייט פון דעם וואס מיר זענען מחנך אונזערע קינדער, דעריבער דארף דאס א שטענדיג וואכזאם אויג פון די עלטערן.

וויבאלד מען דערוואוסט זיך פון אזא זאך דארף מען דאס גלייך פארשטענדיגן פאר די מנהלים פון מוסד.

### כולל ענינים - סימן ק״ב

**אות טו** - דערפאר איז זיכער נישט ערלויבט צו לערנען מער ווי די פארשריפטן זענען, ווי דאס פאלגענדע:

**7** - זיכער טאר מען נישט לערנען לימודים וואס איז קעגן די תורה און אידישקייט אדער ח״ו קעגן די אמונה טהורה.

**אות טז-** די פארלאנגען פון די רעגירונג איז בערך א מינומום פון שרייבן, ליינען, און רעכענען, דאס ווערט ביי זיי אנגערופן אויף ענגליש ׳בעסיקס׳ דאס הייסט פונדאמענטאלע לימודים (אדער ׳די דריי אר׳ס׳ רידינג, ריידינג, ריטמעטיק, אין ענגליש) דאס מיינט רעכענען, שרייבן, און ליינען.

### כולל ענינים - סימן ק"ו

**אות ב'** - אויף דעם פלאץ, צווישן די ווענט פון דעם בנין פון חינוך הבנות און אונטער די הדרכה פון די ערליכע מחנכים מנהלים....

.....דער ווארטזאגער ביי ענגליש איז אויך דער דעת תורה, אזוי האט רבינו הק' בעל ויואל משה אראפגעשטעלט דעם יסוד.

.....און בוודאי נישט מרומם זיין אדער באַטעמ'ט מאכן די גוי'אשע לימודים, אויף דעם האט ער געזאגט מיט דעם לשון: 'געגונג אז מען מוז לערנען ענגליש, נאך באַטעמ'ט זיין זאל דאס אויך?'

**אות ו'** - דעריבער דארף יעדעס ענגלישע בוך און צייטשריפט, וואס דער מוסד גיט פאר די קינדער, קודם ווערן גוט דורכגעקוקט דורך עקספערטן, מבינים, און פארלעסליכע מענטשן יראי ה', מען זאל ארויסנעמען דעם חלק וואס איז שעדליך, אפילו איין בלעטל, איין שורה, איין ווארט, אפילו א בילד, דארף צו ווערן קודם גוט דורכגעקוקט דורך די דערמאנטע השגחה, בעפאר דאס קומט אין האנט פון די תלמידה, ווייל מינות, דברי חשק, און אלע אנדערע סארט אבות נזיקין, שעדליכקייטן, האבן אין זיך אזויפיל גיפט און סם, דאס האט גארנישט קיין שיעור, אפילו איין שורה, איין ווארט אנע השגחה, קען אויך זיין שעדליך.

**אות ז'** - ....מיר מעגן ארויסנעמען דערפון בלויז די טרוקענע לימודים, נישט דעם אינהאלט, און זיכער נישט די השקפה.

(וע"ע דברי"י ויצא סד: אודות לימודי חול בישיבות [בההספד על ר' אהרן קאטלער], ועי' המכתב מקהל מאנטריאל)

## 3) האיך לידע דעת רבוה"ק

### ויואל משה מאמר א' סוף סימן קס"ט

עס איז טאקע אמת אז בעו"ה אין דעם דור שפל, וועגן די שטארקע השפעה פונעם דור, ובפרט די וואס האבן א שטיקעלע נגיעה, איז די וועלט פינסטער פאר זיי נישט צו קענען זען דעם אמת אפי' פון די דעת פון די פריערדיגע ז"ל, און די שוחד וואס מאכט בלינד חכמים דאס טוט פארדרייען די רייד פון די צדיקים, אז זיי פארדרייען אויך די רייד פון די צדיקים וקדושים פון די פריערדיגע דורות, ארייצולייגן אויך אין זייערע רייד זייערע שלעכטע וועגן, און זיי דרייען אויס די דברי אלוקים חיים, אזויג ווי מ'טייטשט דעם פסוק ממרים הייתם עם ה', אז עטס טוטס דעצערענען מיטן אייבירשטן מיט דעם וואס מ'זאגט אז אזוי האט דער אייבישטער געהייסן, לויט די פאלשע פשטים וואס זיי לייגן אריין אין די תוה"ק שלא כהלכה.

אבער, פונדעסטוועגן דאך, ווער עס לייגט צו זיין הארץ צום דבר ה' צו אנערקענען דעם אמת, און ער איז מסלק פון זיך יעדע נגיעה, דעמאלטס וועט השי"ת אים העלפן אז ער זאל דערקענען דעם אמת פון די פוס-טריט פון די פריערדיגע.

### שם סימן קע

און אונז האמיר גארנישט נאר צו קוקן אין די פיס טריט פון די פריערדיגע, און פון דעם וועלן מיר זיך נישט רירן.

און כאטשיג די וואס זענען נשפע פונעם דור וואס איז דא די שכחת התורה טוען איבערדרייען אויך די רייד פון די פריערדיגע, און זיי הענגן אן פוסטע ווערטער אויך אין זיי, וואס איז לא הי' ולא נברא, אזוי ווי זיי זאגן אויך פרעמדע פירושים אין פסוקים און אין מאמרי חז"ל און אויך אין אנדערע ספרים פון צדיקים.

אבער צו די וואס זוכן די אמת, וואס רעכענען זיך זיך גארנישט מיט די השפעה פונעם דור, און זיי ווילן וויסן די דעת פון די פריערדיגע, פאר זיי איז זייער פיס טריט נאך דערקענט! אזוי ווי רש"י זאגט, און אויף דעם קומט די הבטחה פון כי לא תשכח מפי זרעו.

### ויואל משה מאמר א' סימן קפה

און מענטשן מיט פעלערדיגע פארשטאנד רעכענען זיך מיט סיפורי מעשיות וואס רובם ככולם איז שקרים וכזבים, און ווערט פארענדערט מיט שינויים פון איין עק צו צוויטן, און אויב שרייבט מען עס נאך אין א ספר מיינט מען אז עס איז א ס"ת, און דער רמב"ם שרייבט שוין אין אגרת תימן.. און זאלסט נישט נעמען קיין ראי' ווייל עס שטייט אזוי געשריבן, ווייל דער ליגענער זאגט ליגנט מיט זיין צונג און מיט זיין פעדער, און גארנישט האלט אים נישט צוריק.

### על הגאולה סוף הקדמה

דער ספר חסידים שרייבט אין אנפאנג פון זיין ספר, אויך אויף זיין מורא'דיגע ספר וואס זענען דברים העומדים ברומו של עולם, אז ער שרייבט עס נאר פאר יראי ה' וחושבי שמו, און פאר רשעים איז עס א מכשול, און ער שרייבט אז אויך שלמה המע"ה ווען ער האט געשריבן ספר משלי האט ער עס נישט געשריבן פאר די רשעים, ווייל אפילו אויב ער וואלט גערעדט צו זיי זיין גאנצע חכמה וואלט עס נישט געהאלפן זיי צוריקצוקערן צום גוטן, נאר ער האט גערעדט צו די וואס ווילן די וועגן פונעם אייבירשטן, אז זיי זאלן פארשיין און זיך קלוגן, אזוי עס שטייט כי ישרים דרכי ה' צדיקים ילכו בה ופושעים יכשלו בם,

און ער ענדיגט צו פון דעם לערנט מען ארויס אז די וועגן פון חסידות, ענוה, יראה, זענען א שטרויכלונג פאר רשעים און א אויפהייבונג פאר צדיקים.

זעט מען פון דעם אז אויב עס איז דא א תועלת פאר די וואס ווילן די אמת'דיגע וועגן האט נישט געקוקט אויף דעם וואס עס ברענגט א שטרויכלונג פאר רשעים.

און אין אונזערע דורות וואס די וועלט איז אונז פינסטער און עס איז שוין מקויים געווארן דעם פסוק ואבדה חכמת חכמיו ובינת נבוניו תסתתר, מיטן פולן זין פון ווארט, און עס איז נישטא ווער עס זאל זאגן וויאזוי צו טוען אין טיפע זאכן, אבער אויך פשוט'ע און קלארע זאכן וואס א בר בי רב דחד יומא קען גוט פארשטיין, איז אויך פארהוילן סון די אויגן פון די מענטשן, וועגן דעם שטארקן שרעקליכן שוחד פון דעם שטראם פון די וועלט, ממש חוץ לדרך הטבע.

וועגן דעם האב איך מיך נישט צוריקגעהאלטן פון צו שרייבן די פשוט'ע זאכן וואס מ'קען נישט מסופק זיין אין זיי, כאטש ס'קען פון דעם ארויסקומען א מכשול פאר רשעים און משוחדים, אבער עס איז ווי קאלט וואסער אויף א מידע זעל, פאר די מענטשן וואס האפן צו פארשטיין דעם אמת, אזוי ווי די פריערדיגע האבן אונז געלערנט.

## 4) התחברות

### דורך התחברות ווערט א שוגג אויך א פשיעה
### עקב תשכ"ז

דעם גאנצן פסוק ברויך מען פארשטיין, גם עבדך נזהר בהם, בשמרם עקב רב, שגיאות מי יבין, מנסתרות נקני, גם מזדים חשך עבדך אל ימשלו בי, אז איתם וניקיתי מפשע רב, ער הייבט אן ביי 'שגיאות' און 'נסתרות' וואס זענען נסתר, און ער פאלט שוין אריין אין די זדים? און דאס לשון אל ימשלו בי? און דאס אויספיר אז איתם ונקיתי מפשע רב, נו אוודאי דעמאלטס וועט זיין וניקיתי מפשע רב? ......אז איתם וניקיתי מפשע רב, אז ס'וועט זיין אז איך וועל נישט האבן קיין שגגות און קיין זדים, אז איתם, נו אוודאי, אז מ'האט נישט קיין עבירות איז מען ריין?!

נאר א פלא, דער אבן עזרא טייטשט, גם מזדים חשך עבדך, זאגט ער אן אנדערע בחינה... ער זאגט חשך עבדך אז מ'זאך מרוחק ווערן פון זדים, פון די וואס טוען עבירות במזיד, זאל מען זיך נישט אנקערן, זאל מען חשך עבדך, דאס מיינט ער מזדים.

ער מיינט נישט פון זדונות, ער זאגט נישט מזדונות חשך עבדך... נאר מזדים פון די וואס טוען זדים, זאל מען נישט קיין שייכות האבן, זאל זיין חשך עבדך, אזוי טייטשט דער אבן עזרא.

דאכט זיך מיר, מיט דעם איז דער גאנצער פסוק פארענטפערט, דוד המלך, ער האט טאקע געזאגט בשמרם עקב רב, ער האט נישט מורא געהאט, און ס'איז ביי אים נישט געווען קיין מצוות קלות, ער איז נזהר געווען אין די מצוות וואס 'די גאנצע וועלט טרעט מיט די פיס' איז ער נזהר געווען, פון דעם איז נישטא וואס צו רעדן.

נאר אז מ'האט שייכות מיט 'זדים' פאלט מען אריין, ווערט מען נכשל, אז מ'האט התחברות, מ'האט א שייכות מיט זדים, די וואס זיי ווערן מסיתים ומדיחים, וכדומה, פאלט מען אריין, דאס קאן אריינברענגען אן השפעה פון 'די וועלט'.

דאס קאן זיין דער פשט, שגיאות מי יבין, ס'קאן זיין שגיאות, ס'איז פארהאנדן ביי יעדן מענטש קען פארקומען א שגיאה, נאר דער פעלער איז נאר אז מ'האט זיך נישט געהיט פון קיין זדים, איז מען א 'פושע' אויף די שגיאות.

ס'איז פונקט אזוי ווי ביי ד' שומרים... כאטשיק אפילו זיין געלט האלט ער אויך דארטן, אבער 'יענעמס' טארסטו נישט, איז דאס א פשיעה, אפילו בעצם איז עס א רעכטע שגגה, ער איז דאך גאר א אונס, ער איז נישט שולדיג, יענער האט עס געגנבעט, ער ווייסט נישט, נאר וואס דען, דו האסט אבער פושע געווען אין די שמירה, הייסט ער שוין א פושע....

איבערדעם האט ער געזאגט 'שגיאות' מי יבין, אז ס'איז אבער גם 'מזדים' חשך עבדך, אל 'ימשלו' בי, אז מ'האט פיהר מיט זיי, פאלט מען אריין, דאס האט א כח המושל, א כח השפעה.

אז מ'קערט זיך אן, מיט די דיבורים, מ'האט זיך נישט אינגאנצן אין די הענט, אז מקער'ט זיך אן, מ'האט א שייכות מיט זיי, פאלט מען אריין.

זאגט ער אז איך וועל נישט האבן קיין שייכות מיט זדים, וועל איך האבן א תירוץ, אז איתם וניקיתי מפשע רב, וועל איך נישט הייסן קיין פושע אויף די שגגות.

ווארן אז נישט, איז מען אויף די שגגות אויך א פושע. ווארן דו האסט דיך נישט געהיט, איבערדעם ביסטו ארייגעפאלן אין שגגות, דאס איז א כלל גדול, מ'פאלט אריין אין שגגות ווייל מ'האט א שייכות, דאס האט איין התקשרות.

ס'איז ידוע די מעשה, וואס דער טאטע זכרונו לברכה האט דערציילט פונעם ישמח משה, ער האט געהאט א פעטער, אנגעהויבן האט ער, דאס ווייב האט אים געפרעגט, א קלייניגקייט, ער האט זיך נישט געוואשן די הענט בין דגים לבשר, דערנאך האט ער זיך אליין געוואונדערט, פארוואס האב איך עפעס אנגעהויבן מקיל צו זיין, האאט ער זיך בארעכנט, מסתם וויל ער האט געהאט א שייכות מיט די כת ש"צ, עפעס א 'מחשבה' האט ער געהאט נאך די כת ש"צ.

דערנאך האט ער צוזאמגערופן, און ער האט תשובה געטון, און ער האט געזאגט, א סימן אז מת באותה תשובה, אז ער וועט נסתלק ווערן בשעת מעשה, דעמאלטס וועט ער וויסן אז נתקבלה תשובתו, און ס'איז אזוי געווען טאקע.

עכ"פ האט ער עס דערקענט, אז ער האט מקיל געווען אין א זהירות, אז דאס שטאמט פון דארטן, ווייל מ'האט

אשייכות מיט רשעים און דערנאך ווארן דאס ברענגט טאקע אן השפעה.

ווארן אז 'זיי' זענען דש בעקביו, אפילו ביי 'אים' איז עס געווען הארב, אבער דאס ברענגט אן השפעה אריין, איז מען א פושע אויף די שגגות.

....דעס איז דאך מצות שאדם דש בעקביו, מ'טרעט עס מיט די פיס, אינדרויסן, עקרים גדולים, מ'טרעט מיט די פיס, מיט הבלי הבלים פארפירט מען אנדערע מענטשן...דאס איז שווער בייצוקומען

....רבים קמים עלי, זאגט רש"י 'גדולים בתורה' 'גדולים בחכמה' דאס איז דואג און אחיתופל, דעס האט א געוואלדיגע השפעה, אז 'זיי' מיט זייער חכמה טרעטן מיט די פיס גרויסע זאכן, עקרי אמונה.....

והי' עקב 'צום סוף' וועט מען זיך מוזן פלאגן אז תשמעון את המשפטים האלה, די וועלט וועט עס טרעטן מיט די פיס... אז די וועלט טרעט מיט די פיס די גרעסטע זאכן, און דעס ברויך מען צו האלטן, ביי דעם ברויך מען זיך מחזק צו זיין.

## שבועות תשכ"ב

ס'איז שוין ידוע די קשיא זיי פרעגן דאך אלע, רבי יהודא הלוי האט געפרעגט די קשיא פון אבן עזרא, מ'האט געזאגט אנכי ה"א אשר הוצאתיך מארץ מצרים, וואס זאגט מען נישט אשר בראתיך, אשר עשה שמים וארץ, וואס זאגט ער אשר הוצאתיך מארץ מצרים?....

נאר אשר הוצאתיך מארץ מצרים, אין דעם זענען מיוחד טאקע נאר אידן. אפילו דאס ערב רב אליין זענען דאך אליין געגאנגען, משה האט זיי ארוסגענומען, עמך ולא עמי, לך רד כי שחת עמך ולא עמי....

'יהי' איך שיהי' אז ס'איז משותף מיטן ערב רב ברויך מען טאקע נישט צו מאכן, על אחת כמה וכמה די בריאה, די גאנצע בריאה איז דאך משותף, מיט אלע כוחות הטומאה....

דער בוכ"ע -זעט אויס- האט געוואלט די קבלת עול מלכות שמים זאל גיין מיט אזא בחינה וואס ס'איז מיוחד נאר פאר די ששים רבוא מישראל וואס זיי האבן געזאגט נעשה ונשמע אמרו כאחד...

דאס ווייזט אויף דעם אז מ'טאר נישט משתף זיין חלילה קיין שום דבר אחר, מ'טאר נישט האבן קיין שום התחברות.

מ'דארף צו וויסן אזוי האט זיך אנגעהויבן קבלת עול מלכות שמים, דעס וואס איז מיוחד מיוחד פאר די קדושה, דארטן וואו ס'איז נישטא אריינגעמישט חלילה עפעס אנדערע.

דאס קען זיין דער מדרש כששמע משה רבינו אנכי אמר ברוך שלא עשני גוי, לעולם פרעגט דאך דער טורי זהב פארוואס זאגט מען נישט שעשני ישראל.

נאר וואס'זשע דען, ווען מ'זאגט שעשני ישראל קען דאך זייןביידע, ס'איז טאקע שעשני ישראל, אבער ס'קען זיין עפעס א שטיקל שיתוף, עפעס א חלק פונעם גוי אויכעט, איבערדעם מוז מען זאגן קודם, דער עיקר איז ס'זאל זיין שלא עשני גוי.

אין דרכי עכו"ם פון די אומות איז דאך דא עבודה זרה און דרכי מינות, היפוך פון דער אמונה, איז שוין דא דעריין א שמץ מינות.

איבערדעם זאגט מען ארויס שלא עשני גוי, איבערדעם זאגט מען ארויס, ווייל דאס איז דער תכלית, און דערנאך קען זיין שעשני ישראל.

איבערדעם הייבט מען אן טאקע מיט דעם, אז מ'וועט אנהייבן שעשני ישראל איז נאכנישט געדרינגען שלא עשני גוי, אז ס'איז נישטא קיין שותפות, האט מען גארנישט אויפגעטוהן, איבערדעם זאגט מען שלא עשני גוי, ווייל ס'טאר נישט זיין קיין שום שותפות.און אראי' האט מען דאך, פארדעם שטייט נישט אשר בראתיך ווייל דאס איז דאך מיט א שותפות איבערדעם שטייט אשר הוצאתיך מארץ מצרים.....

די זעלבע זאך, לכאורה די הרים זענען דאך גאר ניטאמאל אסור געווארן, נאר וואס דען ווייל ס'איז עפעס געווען דארטן עבודה זרה, קען מען שוין עפעס אריינמישן, איבערדעם האט מען שוין נישט געוואלט געבן (דערויף) די תורה.

די גמ' זאגט ותלך ותבא זי איז געגאנגען רות, ווען זי איז געגאנגען קלויבן ותלך ותבא, זאגט דארטן די גמ' זי איז אסאך מאל געגאנגען....טאמער איז געווען אנשים שאינם מהוגנים איז זי אוועק פון דארט, האט זי נישט געוואלט קלויבן, איבעדעם שטייט ותלך ותבא זי איז אסאך מאל געקומען און געגאנגען ביז זי האט געטראפן א פלאץ וואס ס'איז דא אנשים מהוגנים.

זעט מען זי איז דאך געגאנגען קלויבן בעניות, איז זי געגעאנגען קלויבן לקט, ס'איז דאך געווען גרויס דאס עניות לא עלינו... ווי לאנג איז דען דאס קלויבן דארטן? גאר א קורצער זמן און באלד אוועקגיין, און דאס אז מ'גייט אוועק מ'לאזט איבער און מ'קלויבט נישט איז דאך א שאדן,...

זעט אויס פון די גמ' אן ענין, ס'איז חמור, אפילו זיך צו שטעלן אויף איין מינוט נעבן אנשים (שאינם מהוגנים) אפילו צו קלויבן, דארטן ווי די קוצרים זענען נישט קיין אנשים מהוגנים, פון דארט איבערהויפט עפעס נהנה צו זיין האט זי איבערגעלאזט אלעס און זי איז אוועקגעגאנגען פון דארטן, זי זאל זיך נישט חלילה טרעפן, זי זאל נישט קלויבן מיט אזעלעכע וואס זענען אנשים שאינם מהוגנים.

זעט מען עד היכן הדברים מגיעים, ווי ווייט מ'ברויך זיך צו היטן אפילו צו קלויבן לקט, ס'איז דאך גארנישט, יענער גיט דאך גארנישט, ס'איז דאך הפקר, יעדער קאן זיך עס גיין נעמען, מ'האט דאך נישט פון יענעם גארנישט, מען פארקערט דאך נישט מיט יענעם, מ'טאר ניטאמאל מסייע זיין צו דעם (הבעה"ב להעני), מ'טאר נישט העלפן זאגן אויף דעם יא און דעם נישט, מ'האט דאך נישט קיין שום סיוע פון די קוצרים, ווארן מ'קלויבט אליינס מן ההפקר,

און ווילאנג דויערט דען דאס קלויבן, מ'קלויבט און מ'גייט אוועק.

אעפ"כ זאגט דער פסוק ותלך ותבא, דער פסוק פארציילט מיר די שבח פון רות המואביה, אז זי האט נישט געוואלט קלויבן דארטן ווי די קוצרים זענען אנשים שאינם מהוגנים האט זי איבערגעלאזט אלעס, כאטשיק זי איז געווען אין גרויס דחקות, דעסטוועגן האט זי איבערגעלאזט און זי איז געגאנגען און געקומען זי האט נישט געקליבן ביז זי האט געטראפן אין ערגעץ ביז זי האט געטראפן אנשים (מהוגנים) על כל פנים דא זעט מען עד היכן הדברים מגיעים.

דאס איז דער זעלבער טעם פארוואס מ'האט נישט געוואלט זאגן אשר בראתיך ווייל מ'האט געוואלט ס'זאל נישט זיין קיין שום תערובות...

אן ענין וואס איז נוגע אין דער אמונה אין די י"ג עיקרים איז מען מחוייב כבורח מן הארי, מיט מסירת נפש ממש, און מ'זאל זיך נישט צולאזן אזא געדאנק אזא ספק אפילו...

איבערהויפט ביי עבודה זרה טאר מען נישט האבן דעריין קיין שום חלק קיין שום חלק אין דעם...

## ינאי המלך מיד מינות נזרקה בו
## בהר תשכ"ב

זאגט די גמרא מיד נזרקה בו מינות (בינאי המלך) , ער האט געדארפט צו פרעגן, תינח תורה שבכתב, אבער תורה שבעל פה וואס וועט זיין.

זעט מען אין די גמרא, אז ער האט נישט געהאט ביז דעמאלטס קיין שמץ מינות.

די גמ' זאגט הערשט "מיד" נזרקה בו, דעמאלטס הערשט איז נזרקה בו מינות.

וואס איז דער "מיד", תיכף, דעס איז געשען תיכף, ס'איז נישט געווען פריער, אזא מאדע מינות, אז די גאנצע תורה שבע"פ איז שוין ביי אים נישט קיין חשבון געווען, ער האט שוין נישט געפרעגט אויף תורה שבע"פ.

וויאזוי איז דאס, איי ער האט דאך פריער מכבד געווען די חכמים, ער איז געווען פריער, און דא איז שוין "מינות"?

עס קוקט אויס פון כמה מאמרים אז ער איז געווען א צדיק פריער, נו וויאזוי איז דאס עפעס אזוינס געווארן 'אויפאמאל' נזרקה בו מינות?

אבער זען זעט מען דארט אין די גמ' 'סיבת הדברים', ווייל ער האט געוואלט ווערן כהן גדול, און חכמינו ז"ל האבן נישט געוואלט.

פארוואס זיי האבן נישט געוואלט, לכאורה עס איז דאך נישט נתברר געווארן די חשש, נו חכמינו ז"ל האבן זיך דאך נישט טועה געווען.

נאר זעט אויס, אפשר האבן זיי געהאט נאך טעמים אויך....און אפשר האבן זיי נישט געוואלט זאגן דעם טעם, משום שלום מלכות.... דאס האט אזוי געדארפט צו זיין מן השמים, ווייס מיר אונז דען.

'יהי' איך שיהי' ער האט דא געוואלט האבן דעם גרויסקייט, די כהונא גדולה, און חכמינו ז"ל זיי האבן עס נישט איינגעזען.

און דער אלעזר בן פועירה, דער צדוקי, דער האט אים 'געשטיצט' מיט 'דער זאך', ער האט אים גאר אנגעטראגן, און ער האט אים מסייע געווען, מיט אים מיטגעהאלטן.

איז ער נישט צופרידן געווען דעמאלטס מיטן 'דעת החכמים', מיט דעם וואס ער האט געוואלט ווערן גרויס, און ער איז צופרידן געווען מיט דעם צדוקי, האט ער 'שוין' נזרקה, איז ער געווארן אזוי ווי 'ער'.

אז מ'איז מקבל תועלת פון יענעם, מ'איז נישט צופרידן מיט די חכמים אמתיים וואס זיי הייסן דאס נישט, וויבאלד מ'איז מקבל פון יענעם ווערט מען אזוי ווי יענער.

ווי די גמרא זאגט תפח רוחם של מקבלי שוחד....

ווייל ער האט נהנה געווען פון זיין שטעלונג אין זיין זאך וואס ער האט געוואלט ווערן כהן גדול, האט ער 'שוין' נוטה געווען צו אים, איז 'שוין' געווען נזרקה בו מינות.

און דאס איז געווען 'מיד' 'שוין' 'אויפאמאל' 'אויף די מינוט'.

דאס דארף נישט לאנג דויערן! אז מיט איין שעה פריער האט מען געקאנט זיין א 'צדיק גמור', און אז מ'האט תועלת פון יענעם, פון א מין, קאן זיין 'מיד נזרקה בו מינות', רחמנא ליצלן, וואס ס'איז דאס ארגסטע.

קאן מען פארפארן זייער ווייט.

די גמ' זאגט כך דרכו של יצר היום אומר לו עשה כך ומחר אומר לו עשה כך עד שאומר לך עבוד עבודה זרה.

ס'דארף דאך דויערן אסאך שטופען, אסאך מדריגות, מ'זאל צו דעם (לע"ז) צוקומען, קודם כך וכך.

אבער אז מ'איז מקבל תועלת פון יענעם, דאס קאן זיין 'מיד' האלט מען 'תיכף' דארט.

מינות איז דאך א בחינה, דאס איז דאך שוין נאך ארגער ווי ע"ז, אזוי ווי ס'שטייט דאך ארויס און די גמ' און אין רמב"ם אויף כמה מקומות.

אויפאמאל גייט מען אסאך דרגות.....

ממילא אז ער איז עפעס מקבל תועלת פון זיי, און ער פארפארט 'תיכף' 'ווייט'...

אבער מ'ברויך צו וויסן: אז מ'פארקויפט זיך, מ'נעמט עפעס תועלת פון עובדי ע"ז, צי מחמת דוחקו, צי וויאזוי, אז מ'פארקויפט זיך פאר אן עובד ע"ז, זאל מען וויסן, 'אויף די רגע' האלט מען שוין 'ווייט'.

אזוינס וואס מ'ברויך האבן א לאנגע זמן ביז מ'קומט צו, אפי' מ'ווערט פארדארבן דארף דויערן לאנג, אבער טאמער איז ער אבער פארקויפט פאר יענעם, פאר עפעס א זאך,

פאר א תועלת, פאר א נוצן, ווערט אים די דיעה, איז מען באפאנגען פאר יענעם, מ'איז משוחד פון יענעם, דעמאלטס 'אויף די רגע' פארפארט מען 'ווייט'.

א זאך וואס ברויך צו דויערן 'זייער לאנג' ביז מען פארקריכט..., אז מ'איז פאר בקויפט פאר אזעלעכן, אן עובד ע"ז, איז מען 'תיכף' איז מען 'ווייט' פארפארן, וואס מ'קאן זיך גארנישט אויסמאלן און מ'קען זיך גארנישט רעכטן אזוי ווייט אפילו.

## ספה"ק על הגאולה סי' נ"ו

די סטרא אחרא איז יונק פון די מצוות פון די וואס זענען זיך מתחבר מיט זיי, און אלע מצות וואס זיי האבן געטון ביז היינט, נאך איידער זיי האבן זיך מתחבר געווען צו די מינים און אפיקוסים, איז דער ס"מ יונק פון דעם און ער נעמט עס צו זיין חלק, און סיי די מצות און סיי זייערע בעלי בתים גייען ארויף אויף זיין גורל דורך דעם וואס זיי האבן זיך באהאפטן צו די רשעים

## פרה תש"כ

איבערדעם קרח ער איז דאך געווען א גרויסער מענטש, אן איש קדוש, א בעל רוח הקודש, ווי רש"י זאגט, ראה שלשלת גדולה יוצאה ממנו, וויאזוי האט ער דעס געזען? נאר מיט רוח הקודש, ס'שטייט פון אר"י"ס וועגן, אז ער האט געזען וואס ס'וועט זיין לעתיד, איז וואו קומט דאס ער זאל זיך אזוי אויסגליטשן?

זיי האבן דאך טאקע א טעות געהאט, אבער אזא גרויסער מענטש, וואס עפעס, וואו קומט עפעס אזא זאך?

נאר מ'קאן פארשטיין, ער האט זיך אבער מחבר געווען מיט דתן ואבירם וואס זיי זענען געווען רשעים! אז מ'איז זיך מחבר מיט רשעים, גליטשט מען זיך אויס! אפילו ווי גרויס מ'איז! מ'איז נישט מכוון אל האמת!

נאר וואו קומט דאס טאקע ער זאל זיך מחבר זיין מיט רשעים, איז ער דען נישט געווען קיין מבין אויף דתן ואבירם...

נאר וואס דען, ער האט דאך געוואלט דורכפירן 'זיין זאך' לויט זיין טעות, אקעגן משה רבינו, ער האט געזען ער קען אנדערש נישט אדורכפירן אקעגן משה רבינו סיידן ער וועט זיך מחבר זיין מיט דתן ואבירם, איי וויאזוי איז ער זיך מחבר מיט רשעים, האט ער געזען ביי פרה אדומה איז פארהאן טהור מטמא, ס'קען ארויסקומען א גוטע זאך דורך א זאך וואס איז מטמא, האט ער עפעס אזוינס בארעכנט, ממילא האט ער זיך געטרויעט.

...ער האט זיך נאר טועה געווען, ער האט נאר נישט איינאכט גענומען אז ס'שטייט 'חקת' גזירה היא מלפני ואין לך רשות להרהר אחריה.

# 5) שוחד

## עקב תשכ"ז

..דער ישמח משה טייטשט, ס'שטייט ושחד לא תקח כי השחד יעוור עיני חכמים ויסלף דברי צדיקים, פרעגט מען דאך די קשיא, אז ער נעמט שוחד איז ער דאך נישט קיין צדיק, פארוואס זאגט ער ויסלף דברי 'צדיקים'? זאגט דער ישמח משה, אז דער פשט איז, אז מ'זיצט ביי א דין, זיצן צדיקים אויך דערינען, נאר 'איינער' איז דא א מקבל שוחד, אז דער מקבל שוחד איז 'דערינען', ווערן פארבלענדט די צדיקים אויכעט וואס זיצן מיט אים, ווייל זיי זיצן אינאיינעם, ווערן זיי פון אים פארבלענדט,

דאס איז דער טבע פון שוחד, כי השוחד יעור עיני חכמים ויסלף דברי צדיקים, אפילו די צדיקים וואס זיי האבן נישט קיין חלק אינעם שוחד, נאר ער זיצט צוזאמען מיט א מקבל שוחד, ווערט ער אויך פארבלענדט.

## קדושים תשי"ד

עס איז פארהאנדן איינער, אזוי ווי מ'זעהט בחוש, מ'פאלט אריין, מ'גייט דרכים לא טובים, כאטשיג גאר אפילו ס'איז פאהאנדן אזעלעכער וואס ער איז נישט דערביי, נאר יענער פארלאנגט עס פון אים, ער מוז עס טון פאר אן אנדערן, און אמאל איז פארהאנדן דורך תאות ממון, אפי' מ'איז נישט דערביי' איז מען דארט פאר 'געלט' אדער כדומה, ער מוז עס טון פאר יענעם...

אדער אמאל איז פארהאנדן ווען מ'מאכט א פשר, מ'האט א חשבון: איך ברויך עס טאקע נישט, נאר איך מוז עפעס מאכן געמישט, א שיתוף, משתף זיין שם שמים ודבר אחר, ס'איז פארהאנדן אמאל מ'מוז עפעס 'נאכלאזען' מ'זאל קענען צוציען אן אנדערן אויכעט, ער ווייסט טאקע אז ס'איז נישט, אבער דער סוף ווערט מען מיטגעצויגן מיט יענעם,

## משפטים תשי"ט

די משנה זאגט דאך אין סוף פאה כל דיין שלוקח שוחד אינו מת מן הזקנה עד שעיניו כהות שנאמר כי השוחד יעוור, קודם אין פשטות איז דאך דער פשט אז ס'טוהט פארבלעדסן און ער זעהט נישט, ווי רש"י זאגט אין פרשת שופטים כיון שלוקח שוחד אי אפשר שלא יטה לזכות, ס'איז נישט מעגליך ער זאל נישט באקומען קיין נטיית הדעת, בפשטות ס'איז די טבעיות, אזוי ווי רש"י זאגט (כתובות דף קה) 'שלבו חד' אין אדם רואה חובה לעצמו, עקסטערדעם שטייט דאך דא אין די משנה, אז דאס אויך, אז דער 'סוף' איז אז עיניו כהות, אזוי זאגן זיי פשט, אז עקסטער וואס מ'ווערט פארבלענדסט איז עיניו כהות.

אין זרע יצחק ברענגט ער אז מקשין המפרשים, מ'זעהט דאך ס'איז דא אסאך בעוה"ר וואס זענען מקבל שוחד און זיי לעבן זיך אויס און זיי זעהן מיט די אויגן און ס'ווערט נישט קיין עיניו כהות, אמער אין די משנה שטייט דאך אינו מת מן הזקנה עד שעיניו כהות? ברענגט דער זרע יצחק אז די מפרשים זאגן אז דאס גייט ארויף אויף די נשמה, אז די נשמה ווערט עיניו כהות, און דאס מיינט לעוה"ב ווערט עיניו כהות......

נאר די פלא איז, ס'איז אוודאי אמת, נאר דעס לשון אין די משנה איז עס שווער, דאס מכוון צו זיין אז מ'מיינט עס נישט נאר לעוה"ב, די משנה זאגט דאך אינו מת מן הזקנה עד שעיניו כהות, נו אז ער זאגט 'אינו מת' איז דאך עס בעוה"ז, דער עוה"ב איז דאך הערשט לאחר מיתתו.....

נאר איך מיין אמאל, דעס וואס די מפרשים זאגן אז ס'גייט ארויף אויף די נשמה, אז דעס וואס ס'איז עיניו כהות דאס מיינט מען נישט דעם עין הגשמי, נאר די נשמה, און איבערדעם איז עס טאקע בעוה"ז.

ווארן לעולם אין די אלע מדרשים שטייט, און אין די גמרא אויך, 'סוף' שתטרף דעתו, צום סוף, לכאורה אז ער פארזעהט און דער חורבן איז נאר אויף בשעת מעשה דאס איז דאך די טבעיות, אזוי זאגט דאך רש"י (בפ' שופטים דא"א שלא יטה לבבו), אבער וואס איז טייטש 'סוף' שתטרף דעתו, מוז זיין אז דא איז דא צווי זאכן, דעס וואס ס'איז בשעת מעשה אז ס'איז דא וואס זיי נעמען שוחד און מ'ווערט פארבלענסט, דאס איז א טבעיות, דעס איז נישט קיין עונש, ס'איז א טבעיות שנעשה לבו חד......

איבערדעם איז נישט קשה, דאס איז צוויי זאכן, דעס וואס ס'שטייט אין מדרש 'סוף שתטרף דעתו, דעס איז שוין נישט פונעם טבעיות, ווארן דעס טבעיות איז נאר ווען מ'נעמט שוחד, ווען מ'האט דעם רצון ווערט מען משוחד און מ'זעהט גארנישט, אבער דערנאך איז דער עונש, אז אפי' אהן שוחד, אפילו ווען מ'באקומט שוין גארנישט, מ'האט נישט קיין שום אינטערעסע, מ'האט שוין נישט מורא פאר דעם מענטש, זעהט מען שוין אויך נישט דעם אמת דאס איז דער עונש.... כאטשיק מ'זעהט גאר אז ער האט טאקע אפענע אויגן, אבער דער דעת ווערט אים פינסטער, ער זעהט שוין נישט מיט די עיני השכל... מיט דעם ממינט מען טאקע בעוה"ז, ווארן ס'שטייט דאך 'אינו מת' חלילה עד שעיניו כהות, דאס איז דער פשט ער באקומט א טירוף הדעת...

דאס איז דער עונש מדה כנגד מדה, אפילו ווען ער באקומט שוין נישט, ער האט שוין נישט קיין אינטערעסע, ס'איז שוין נישטא וואס ס'זאל אים פארבלענדסן, דאס איז אבער דער עונש , ער איז א פארבלעדסטער מענטש, ער זעהט פוטן טהור אויף טמא, און פון טמא אויף טהור, ער זעהט שוין נישט דעם אמת.

## תצוה תשי"ט

דער רמב"ן הקדוש זאגט אין פרשת מסעי ואם לא תורישו את יושבי הארץ מפניכם והי' אשר תותירו מהם לשכים בעיניכם ולצנינם בצדיכם וצררו אתכם על האדמה, וואס איז דאס לשון לשכים ב'עיניכם'? זאגט דער רמב"ן הק', דאס איז די זעלבע לשון וואס ס'שטייט כי השוחד יעור 'עיני' חכמים, אז מ'ווערט משוחד פאר עפעס, איז עס מעור עינים, מ'זעט נישט דעם אמת.

זאגט ואם לא תורישו את יושבי הארץ מפניכם, אז איר וועט דארט האבן די יושבי הארץ, וועלן זיי ענק מעוור עינים זיין, עטס וועטס נישט זען דעם אמת, אזוי ווי ס'שטייט כי השוחד יעור.

ס'שטייט המקבל שוחד, צום סוף איז עיניו כהות, אינו מת מן הזקנה עד שעיניו כהות, פרעגט דער זרע יצחק מ'זעט דאך אסאך וואס זיי נעמען שוחד און זיי ווערן נישט בלינד.....נאר עיניו כהות מיינט ער וועט זיין טאקע אזוי ווי ער זאגט לשכים בעיניכם, מ'ווערט בלינד.

איך האב געזאגט ס'זעט אויס אין מדרש 'סוף' אפילו שוין אן שוחד, באקומט ער או עוורון עינים, אז ער איז נישט מכיר דעם אמת, ער האט נישט קיין אמת'דיגע אויפפאסונג, ער זעט נישט דעם אמת, איבערדעם איז אינו מת עד שעיניו כהות, ער וועט נישט זען דעם אמת.

איבעדעם זאגט דער פסוק ואתה תחזה מכל העם 'אנשי חיל' יראי אלוקים אנשי אמת שונאי בצע, אנשי חיל זאגט רש"י עשירים, שאינם צריכין להחניף לשום אדם, לכאורה אז ער זאגט יראי אלוקים, אנשי אמת, שנאי בצע, אז מ'האט די אלע מידות, נו וואס'זשע וועט ער דען חלילה אוועקגיין פונעם אמת?

זעט מען דאך, כאטשיק זיי זענען יראי אלוקים, אנשי אמת, שונאי בצע, טאמער איז צריכין להחניף איז עס שוין מעוור עינים, זעט מען נישט דעם אמת...

דאס קאן זיין איז דער פשט המצפה לשלחן אחרים איז עולם חשך בעדו, ווייל ס'איז מעוור עינים, המצפה לשלחן אחרים, ממילא ווערט ער דאך פארפירט, ווארו ער איז דאך אנגעוויזן אויף אנדערע, ער ווערט דערפון משוחד, זעט ער נישט דעם אמת, דאס הייסט עולם חשך בעדו, ער זעט נישט, ער וויסט נישט אויף וועלעכן 'עולם' ער איז, ער זעט נישט דעם אמת וואס טוט זיך אויפן 'עולם'.

ס'איז עולם חשך בעדו, ס'איז אן עוורון עינים, וויבאלד אז ער ווערט פארפירט פון יענעם, אז ער איז אונטערגעווארפן, אז ער איז ביי זיך נישט פעסט.

ווען ער האפט נאר צום באשעפער, אז ער האפט נישט צו יענעם נאר צום באשעפער, דעמאלטס פארכט ער זיך נאר פארן אייבירשטן, נישט פאר א מענטש, דעמאלטס איז מעגליך צו זען דעם אמת.

טאמער פארכט מען זיך פאר א מענטש, וויל מען דאך שוין יענעם צוליב טון, יענעמס דיעות, דעמאלטס זעט

מען שוין נישט וואס ׳סטוט זיך אויף דעם עולם, דאס איז די רעכטע חשכות, דאס איז עיניו כהות, השוחד יעור.

וואו איז פארהאנען א גרעסער חשכות ווי אז מ׳איז לא עלינו ׳בלינד׳, לשכים בעיניכם, אזוי ווי מ׳האט ׳נעגל׳ אין די אויגן...

איבערדעם זאגט מען אין די תפלות, שתהא תורתך אומנתינו, ואל ידוה לבנו, ואל יחשכו עינינו..... ווארן דורכדעם קודם אז מ׳איז משוחד פון יענעם, מ׳וויל אים צוליב טון, תחלת טוט נאך ווי דאס הארץ, מ׳נעמט נאך עפעס אינאכט אז ס׳איז נישט דער דרך אמיתי.

אבער שפעטער אז מ׳איז שוין דערינען, דענאכדעם זעט מען שוין נישט, טוט שוין נישט ווי דאס הארץ אויך נישט, ווייל מ׳זעט דאך שוין נישט דעם אמת, מ׳מיינט שוין אז ס׳איז אזוי דער אמת, ס׳איז עולם חשך בעדו.... קודם טוט נאך ווי דאס הארץ, און נאכדעם לאזט זיך אויס.... אז ס׳איז גאר עולם חשך בעדו

די יונה האט געברענגט אורה לעולם, אורה איז טייטש אז ס׳איז נישט דא קיין חשכות, זי האט אראפגעברענגט א מאמר וואס דורך דעם מאמר איז לעכטיג, פאלט מען נישט אריין אין קיין חשכות.

זי האט געברענגט א מאמר טרף בפיה, יהיו מזונותי מרורין כזית און ס׳זאל זיין בידי הקדוש ברוך הוא, ואל יהיו מתוקין כדבש בידי בשר ודם, ווארן אז ס׳איז מתוק כדבש דעס פונעם בשר ודם, איז עולם חשך בעדו, באקומט ער אן עוורון עינים, לחשכים בעיניכם, איז נישטא קיין אורה.

איבערדעם אז זי האט דעם מאמר געברענגט, און דעם מאמר אז מ׳געדענקט גוט, אז ס׳איז נאר גוט אלעס וואס ס׳קומט בידי הקדוש ברוך הוא, ס׳זאל נישט זיין בידי בשר ודם, דורך דעם מאמר, דאס ברענגט לעכטיגקייט, קאן מען זען מיט אפענע אויגן, מ׳זעט דעם אמת, ס׳איז נישט קיין עולם חשך בעדו, ס׳איז נישט קיין פינסטערע וועלט, אז מ׳ווייסט נישט וואס ס׳טוט זיך אויף דער וועלט, מ׳זעט נישט דעם אמת, דעם אמת׳דיגן דרך.

איבערדעם איז ׳דער מאמר׳ דעס וואס די יונה האט געברענגט אורה לעולם, נישט מיטן זית האט זי געברענגט אורה לעולם, נאר מיטן מאמר.....דאס ברענגט לעכטיגקייט, און מ׳קאן האבן ליכטיגע אויגן, מ׳זאל זען דעם אמת, אז מ׳קוקט נישט ארויס אויף קיין בשר ודם, נאר אויף הקדוש ברוך הוא.

על כל פנים איז דאס גרויסע נסיונות, אז מ׳זאל בלייבן מיט תורה אור.

....דערפאר האט ער געזאגט פאר משה רבינו׳ן ואתה תצוה אז ס׳זאל זיין ׳שכינה׳ מדברת מתוך גרונו, מ׳זאל וויסן דאס וויזט מען אויף דעם, מ׳זאל זיך אלסדינגס נאר אויף הקדוש ברוך הוא פארלאזן, אן א ממוצע, נישט מיט קיין שליח, איבערדעם ׳ואתה׳ תדבר נישט על ידי שליח, מ׳זאל וויסן, אז וואס ס׳טוט זיך אויף דעם עולם, איז אלעס פון הקדוש ברוך הוא, און מ׳זאל האבן דעם איינציגן בטחון אויף השם יתברך, נישט אויף א בשר ודם, אזוי קאן מען זען דעם אמת, דעס ברענגט אורה לעולםץ

...דאס איז עס. און אלעס איז גארנישט, די גאנצע וועלט, אלעס, די הבלי העולם, אקעגן א סקירה אחת פון הקדוש ברוך הוא לטובה.

דער בורא עולם זאל אונז העלפן, דער בוכ״ע זאל אונז העלפן, באור פני מלך חיים, ס׳זאל זיין השגחתו יתברך שמו עלינו לטובה, מ׳זאל אונז פירן אין דרך האמת.

איבערדעם איז ואתה תצוה את בני ישראל, ׳ואתה׳ משה רבינו, דער כח התורה, הוא ולא אחר, מ׳זאל נישט מאכן קיין תערובות, נישט אריינמישן ׳נאך עפעס׳ אין די תורה הקדושה, קיין אנדערע דרכים שונים ומשונים, ׳נאר׳ מיטן דרך התורה הקדושה, און מיטן דרך האמת.

דער בוכ״ע זאל אונז מציל זיין מכל צרה וצוקה, מ׳זאל מיר די זכי׳ האבן צו דינען דעם באשעפער, באמת ובשמחה, מתוך נחת, מ׳זאל ברענגען קדושה וטהרה אויף די וועלט .

איבערדעם די זיתים האבן געמוזט זיין בטהרה, מ׳האט זיך נישט געוואלט פארלאזן ניטאמאל אויף טומאה הותרה בציבור, נאר בטהרה אמיתית.

מ׳זאל די זכי׳ האבן, מרחיב צו זיין גבול הקדושה וטהרה, מ׳זאל מיר ניצול ווערן פון די חבלי משיח פונעם דור, און פונעם גרויסן חשכות פון דעם עיקבא דמשיחא, דער בורא עולם זאל אונז ׳דערלייכטן׳ די אויגן, און אידישע הערצער זאלן דערלייכט ווערן

...דער בורא עולם זאל מאיר עינים זיין, מאיר עינינו, מ׳זאל מיר זוכה זיין צו זיין צווישן די עובדי ה׳ באמת.

### א׳ ויקהל תשי״ט מסיבה התאחדות הרבנים

מען האט מורא געהאט פאר די יראי אלוקים, פאר די אנשי אמת, פאר די שונאי בצע, טאמער ברויכן זיי צו יענעם, וועלן זיי ברויכן חנפ׳נען, וועלן זיי פארבלענט ווערן, און זיי וועלן נישט זען דעם אמת, דאס זעט מען דאך אזוי אין פסוק.

דאס זעט מען בעונינו הרבים היינט, די וועלט איז אריינגעכאפט געווארן בעוה״ר אין די ארגסטע דרכים עד קצהו, די אלע יסודות פון דער אמונה, און פון מינות, פון כפירה, און פון הריסת הדת.

ווען מ׳הייבט זיך אן צו בארעכענען, אביסל אין פריערדיגן דור איז מען דערציטערט געווארן אז מ׳האט דאס געהערט מעלדן אפילו, די אלע כיתות, און היינט בעוה״ר איז מען פארבלענדט געווארן.

אז מ׳וויל גוט קוקן, איז דער הויפט חסרון... דער הויפט חסרון, מ׳איז פארבלענדט, דאס שטארקייט פון זיי... דאס שטארקייט פון ׳די וועלט׳.

יעדער ברויך ׳די וועלט׳, איבערהויפט מנהיגים ברויכן נאך גיכער די וועלט, ווי דער מענטש וואס ער איז פאר זיך.

איינער ברויך פאר זיך, איינער ברויך גאר פאר אידישקייט אפילו, פאר הרבצת התורה, אבער ער ברויך.

ממילא איז מען משוחד איז מען פארבלענדט.

האט מען געשטעלט די ערשטע מעלה אנשי חיל, שאינם צריכים להחניף, זיי דארפן קיינעם נישט חנפ׳ענען.

בעוה״ר צי מ׳האב מיר און פארמאג מיר אין דעם דור די יראי אלוקים, מיט די אנשי אמת, מיט די שונאי בצע, דאס וויסט מען דאך אויך נישט ווי וויט ס׳דערגרייכט, אבער עפעס איז דאך דא דערפון.

אבער דעס שאין צריכים להחניף, דאס איז אפשר טאקע ניטאמאל דא, אזוי איז דער מצב היינט, אזוי ווי ס׳איז געווארן רוב העולם, אז דעס איז ניטאמאל דא, מ׳פאלט אריין יעדערער.

...איך וויל דא זאגן, דעם התאחדות הרבנים עקזעסטירט אפאר יאר, דאס תועלת קען מען גארנישט אזוי ווייט מסביר זיין, מ׳שפירט דאס נישט אזוי ווייט.

דער אמת, איך וויל נישט חלילה עפעס אנגרייפן, אבער דאס ווייסט יעדערער, איך דארף עס ניטאמאל צו זאגן, א רבנישע ארגעניזאציע, זאל זיין אפען דערקעגן, דעם גרעסטן הירוס הדת וואס איז דא אויף דער וועלט, דאס איז נישטא נאר די התאחדות הרבנים.

איך שמועס שוין נישט פון די וואס זענען טאקע אינגאנצן דאס, די זעלבע וואס יענע, אבער מיטגיין גייט יעדער מיט, ווער שמועסט גאר אויסזאגן, אויסזאגן אז דאס טויג נישט, דאס איז דאך, פון דעם איז דאך אוודאי נישטא וואס צו רעדן.

איך האב נאכגעזאגט די וואך, דער חתם סופר זאגט, יהושע האט געזאגט קול מלחמה במחנה, האט ער געזאגט אין קול ענות גבורה, ואין קול ענות חלושה, קול ענות אנכי שומע.

זאגט ער, יהושע האט זיך נישט געקענט אויסמאלן, מ׳מאכט אן עגל, און ס׳איז מיטאמאל דא א מלחמה דעקעגן?! האט ער זיך נישט געקענט אויסמאלן, (ולכן אמר) ס׳איז דא א קול מלחמה במחנה, און מ׳איז לוחם דערקעגן.

האט משה רבינו געזאגט, ניין, ס׳איז נישט גוט, נישט קיין ענות גבורה, און נישט קיין ענות חלושה, איך הער נישט אז מ׳זאל זיך שלאגן דעריבער.

איבערדעם האט ער געמוזט צוברעכן די לוחות, ווייל ער האט געזען אז ס׳איז מיטאמאל, ס׳אזי מיטאמאל דא קיין לוחמים.

... נאר מ׳זאל וויסן אז מ׳איז באזירט אויף דער שיטה אז דארט וואו ס׳ליגט מינות מיט אפיקורסות מיט הפרת הדת, דעס טויג נישט, דעם מין איז נישטא.

איבערדעם איז מען דאך טאקע מבוזה, אזוי ווי מ׳זעט דאך אויס היינט.

### מס״ג קדושים תשכ״ב לפ״ק

די תוה״ק זאגט ושוחד לא תקח, זאלסט נישט נעמען, פארוואס שטייט דא, פארוואס דארף איך האבן דעם טעם, דא דארף מען אינזין האבן דעם טעם כי השוחד יעוור עיני צדיקים?, וואס פעלט מיר אויס, ס׳איז נישט גענוג אז די תוה״ק הייסט נישט נעמען זאל מען נישט נעמען?, וואס דארף איך אינזין האבן דעם טעם?

נאר וואס׳זשע דען, דאס קאן מען פארשטיין אז מ׳ברויך טאקע אינזין האבן דעם טעם, מ׳ברויך צו וויסן דאס אז מ׳נעמט איז מען בלינד, אזוי ווי מ׳זעהט נעבעך מ׳נעמט מ׳איז נהנה, איינער געלט! איינער כבוד! איינער אן אנדער תועלת!

מ׳איז נהנה פון דער ע״ז בעוה״ר וואס האט מכשיל געווען די גאנצע וועלט, דער מקור הטומאה טומאת הציונות ה׳ ישמרינו, - וואס די פריערינע צדיקים נישטא א זאך וואס זיי זענען געווען אזוי צובראכן ווי פאר דעם, זיי האבן געזעהן נעבעך וואס פון דעם קאן אויפשטיין.

אז מ׳איז נהנה דערפון איינער אויף אזא אופן און אויף אזא אופן, און טראצדעם מ׳האט דערפון תועלת קלערט מען צו זאגן מיינונגען דערינען, און וויאזוי איז דאס עפעס א יוד וואס ער גלייבט, קלערט מען זיך כאטשיג כ׳האב גענומען, ס׳איז באגרענצט, דא ווייס איך דאך דעם אמת, היצט פאָפ איך מיך נישט, ווארן אז נישט דעס וויאזוי זאגט ער, ס׳איז באגרענצט, כ׳האב טאקע גענעמען אבער אין דעם פרט דא אט בין איך נישט פארבלענדסט, דארף מען וויסן ניין, דארף מען וויסן דעם טעם.

אז מ׳נעמט ווערט מען בלינד, און אז דו ביסט בלינד קענסטו נישט באוועגן וואו דו ביסט א נוגע און וואו דו ביסט נישט נוגע, קענסטו קיין מיינונג נישט זאגן,

האט די תוה״ק אראפגעשטעלט דעם טעם, מ׳זאל וויסן טאמער נעמט מען, זאל מען וויסן דעם אמת אז מ׳איז בלינד, זאל מען נישט זאגן קיין מיינונג, און ווען מ׳העט אזוי געטוהן העט די וועלט געקומען אויפן אמת, ווען מ׳העט אזוי געטוהן מ׳זאל נאר אינזין האבן דעם פסוק, טאמער האב איך עפעס גענומען פון דארט בין איך געווארן בלינד איז פסילנא ליה לדינא און איך קען אין דעם [נישט זאגן קיין מיינונג], און אז איך זאג א מיינונג דעריך איז עס בטל ומבוטל כעפרא דארעא, ווייל די תוה״ק האט עהם גע׳אסר׳ט צו זאגן א מיינונג, ווייל אז דו נעמסט פון דארט שטייט אין די תוה״ק בפירוש ״כי השוחד יעוור״, מ׳דארף דאס אינזין האבן, ער ברויך צו וויסן אז ער איז א בלינדער,

איבערדעם מוז דאס ארויסשטיין דער טעם אין פסוק, נישט פשוט לא תקח שוחד, וועט ער זאגן כ׳האב גענומען ס׳איז נישט קיין שוחד ס׳איז נישט דעס, זאגט מען ניין די תוה״ק האט אבער געזאגט א מציאות, די תוה״ק האט געזאגט א מציאות אז מ׳ווערט בלינד,

בא וראה וויפיל א מענטש לאזט זיך קאסטן מ׳זאל זעהן

מיט די אויגן און ער גייט פאר א פרוטה איז ער זיך מסמא עינים, אזוי זאגט דאך די גמרא (כתובות ק"ה.) בא וראה סמיות עיניהם של מקבלי שוחד, און דאס איז ביי יעדן פרט ביי יעדן ענין, זאל מען וויסן דאס איז בטל עד כְּלָא, ס'איז כעפרא דארעא, די אלע וואס זיי נעמען עפעס דארפן נאר וויסן אז מ'איז עפעס נהנה פון דארטן איז מען אין א נגיעה איז מען משוחד, ביסטו דארטן פון דיא וואס זיי האלטן מיט זיי, ממילא איז מען דאך א נוגע דורכדעם ווייל מ'וויל האבן דעם תועלת פון דיא וואס זענען פארנארט, פון דיא וואס זיי זענען, פון דיא וואס זיי ארבעטן פאר זיי, פון דיא וואס זענען אהינגעגעבן פאר זיי און זענען פארפירט פון זיי, אז מ'וויל זייער תועלת, מ'זוכט זיי, אז מ'זוכט עפעס פון דארט, אזוי ווי כ'האב געזאגט כל המצפה לשלחן אחרים איז עולם חשך בעדו (ביצה ל"ב:), דער האט פינסטערע אויגן ווארן השוחד יעוור, אז ער איז מצפה לשלחן אחרים איז ער משוחד, איז ער בלינד, איז עולם חשך בעדו.

איבערדעם דארף מען צו וויסן האט די תוה"ק אנגעזאגט, נישט נאר פשוט לא תקח שוחד, די תוה"ק האט אנגעזאגט דו זאלסט וויסן אזוי ווי דער ב"ח זאגט אז די תורה האט געזאגט דעם טעם איז א ציווי אז מ'זאל וויסן דעם טעם, - האט די תוה"ק אונז מצווה געווען מ'זאלמיר וויסן, אן עקסטערער פסוק, א אריכות, נישט נאר די דריי ווערטער לא תקח שוחד, די תוה"ק האט אונז מצווה געווען מ'זאלמיר וויסן כי השוחד יעוור עיני חכמים ויסלף דברי צדיקים, טאמער האסטו עפעס תועלת פון דארט, עפעס א נגיעה קלה, ביסטו בלינד, דו ביסט נישט מאסגעבנד, איז דאס בטל ומבוטל וואס מ'זאגט אויף דעם אין דעם פרט, ממילא אז מ'געדענקט נאר גוט דעם פסוק אין דער תורה וואס די תוה"ק זאגט כי השוחד יעוור, ממילא פאפט מען זיך נישט, קאן מען קומען אויפן אמת, ס'זאל זיין צאי לך בעקבי הצאן, פסיעות ניכרות פון פריערן דור, אזוי ווי רש"י זאגט (שה"ש א' ח') אם חדל הרועה מלהנהיגך...

### דברות קודש ס"ג וארא שנת תש"כ לפ"ק

ער [פרעה] האט זיי [שפרה און פועה] געפרעגט מדוע עשיתן הדבר הזה ותחיין את הילדים, דער ותחיין את הילדים איז דאך טייטש זיי האבן מספק געווען מים ומזון, לכאורה איז דאך א קשיא נו וואס האבן זיי אויף דעם געענטפערט? אז בטרם תבא אליהן המילדת וילדו, [דאס איז דאך נאכנישט קיין תירוץ] אבער פארוואס האבן זיי געגעבן [עסן]?

נאר וואס'זשע דען, דעס איז דאך געווען א "הבה" נתחכמה לו [פלאן], זיי האבן געוואלט האבן הכנה, האט מען געשיקט די מילדות זאלן פארפירן יודען, איבערדעם האט ער זיי דאך תובע געווען אויף דעם ארויף, אבער עכ"פ ער האט אלץ געמיינט אז זיי טוען זיין שליחות, ווארן ער האט דאך מיט זיי ממתיק סוד געווען אם בן הוא והמיתן אותו, און אז מ'ווערט דאס געוואר [אז זיי האבן בייזע פלענער], וועט מען זיי נישט רופן קיינער, וועט מען זיך היטן פון זיי, האבן זיי דאך נישט געוואלט מ'זאל עפעס זאגן [פאר די גאס], האט ער דאך געמיינט [אז זיי טוען זיין שליחות], מסתמא איז דאס געווען א כח [פון הימל אים צו פארנארן ער זאל זיי גלייבן] ס'שטייט טאקע אין מדרש (רבה פ"א ט"ז) וייטב אלקים למילדות, אז די טובה איז געווען אז ס'איז נתקבל געווארן דבריהם, אז זיי האבן געקענט פארנארן דעם פרעה'ן, ס'איז טאקע געווען דאס אליין איז געווען א נס בתוך נס, ווייל פרעה האט טאקע געמיינט אז זיי גייען אין זיין שליחות.

האבן זיי זיך פאררעדט, ווייל כי לא כנשים המצריות העבריות, קענסטו זיי [די אידן] נישט אריינדערווישן אין קיין עבירות, זיי וועלן זיך נישט ווערן אפלערנען פון די מצריים, ס'איז בחנם.

וויאזוי דען וועסטו זיי אריינדערווישן?

דו וועסט זיי אריינדערווישן אז דו וועסט אויסהאלטן זייערע קינדער, דו וועסט אויסהאלטן זייער חינוך פון זייערע קינדער, אזוי וועסטו זיי שוין אריינדערווישן, ממילא וועלן זיי נתגשם ווערן. פון דארט וואו מ'נעמט, דאס האט א כח, כח הפועל בנפעל אזוי ווי ס'שטייט איבעראל, דיא וואס זענען מסיתים ומדיחים אז מ'איז פון זיי נהנה פאלט מען אריין, דאס איז געווען א תירוץ אויף דעם אז מ'קען גארנישט טוהן, אז מיט דעם וואס דו וועסט זיי ווערן מאכן אזוי ווי די מצריים ווערסטו נישט פועל'ן גארנישט, איבערדעם מוז מען גיין דעם וועג (דורך טיילן עסן, אזוי וועט מען זיי ארייננכאפן).

ס'קאן זיין גאר אז פרעה אליין האט זיי גאר געגעבן דערנאכדעם [צו טיילן עסן פאר די קינדער] נאר בצינעא האבן זיי עס אוועקגעווארפן [די עסן פון פרעה] זיי האבן געגעבן [פאר די קינדער] פון זייערן [עסן]

[עכ"פ זיי האבן אים געזאגט] מיט דעם וועסטו זיי קאנען ארייננכאפן...

## 6) דייני אותו העיר

### ויא"מ מאמר שלש שבועות סי' קע"ב - ועי"ע שם סי' קע"ג

עס שטייט אין די גמרא אין ב"ב אז א ס"ת וואס איז גע'גנב'ט געווארן פון די שטאט קען מען עס נישט דן זיין ביי די דיינים פון די שטאט ווייל אלע זענען נוגעים בדבר, און אפילו ביי צדקה פאר די ארימעלייט ווייל וויבאלד עס איז דא א ריוח פאר די שטאט אז עס איז דא מער געלט אין די שטאט זענען זיי שוין נוגעים בדבר און זיי זענען פסול דן צו זיין דערויף...

...און אין חת"ס שרייבט בנוגע א דין תורה צווישן די אנשי ירושלים און אנשי צפת וועגן עפעס א צדקה, און ער שרייבט אז עס איז נישטא קיין שום בי"ד אין א"י וואס איז נישט קיין נוגע בדבר, און וועגן דעם האט מען זייער גוט געטון אז מען האט עס איבערגעגעבן פאר די בי"ד פון ארם צובא וואס זענען בכלל נישט קיין נוגעים בדבר...

### א' בא תשי"ט אסיפת הרבנים התאחדות הרבנים

...בעוה"ר דער אלם איז אין דער גאנצער וועלט, א געוואלדיגע אלמות, נישט פון איינעם, ממש פון די גאנצע וועלט, די גרעסטע מאכט, די געלט מאכט, און דער כח פון כבוד, און דער כח פון בזיון, די שטארקסטע זאכן ליגט רחמנא ליצלן אין די וואס זענען מעבירים על הדת, און דאס ליגט אויף יעדן, איז דאס אן עול כבד פון דעם גרויסן אלמות, יעדער איז משוחד, מ'זאל גיין ערגעץ אין אן אנדערע שטאט, ס'איז נישטא די שטאט, בעוה"ר אין די גאנצע וועלט, אין חוץ לארץ, און בפרטיות אין ארץ ישראל איז נאך ארגער, אין א"י איז נאך שווערער, בעוה"ר דארט איז דאך נאך דאס אלמות, ס'איז טאקע אן אלמות המלוכה אין פשטות, אבער דא אט, אפילו ס'איז נישטא דעס וואס דארטן, אבער ס'איז גענוג דאס אלמות, א גרויס אחריות מיט א געוואלדיגע אלמות..

...די מנהיגים ווערן אנגערופן עיני העדה, זיי היסן עיני, פארוואס, ווייל זיי האבן אויגן צו זעהן, טאמער האט ער אויף זיך אן אלמות, איז דאך עס אים מעוור, אז ער איז בלינד איז דאך אויס אויגן, איז אויס עיני העדה, ווייל ער האט נישט קיין אויגן, וואן ער איז דאך בלינד ווי קען מען זאגן אויף א בלינדן ער האט אויגן, איבער דעם זענען זיי די עיני העדה, אז די אויגן איז אפען, זענען זעהדיג, זענען מבינים, טאמער האט ער אויף 'זיך' אן אחריות ער האט מורא פאר דעם ער האט מורא פאר יענעם איז ער בלינד, זעהט ער נישט, נו וויאזוי איז ער עיני העדה, איז אויס אויגן, מ'דארף זיך האלטן צוזאמען, מ'וויטסט נאר דאס אחריות דערמאנט מען זיך נאכאמאל, נעמט מען זיך נאך צווישן די שפארעס אינאכט נאך, נעמט מען נאך אינאכט, דאס איז מיט דער גאנצער הנהגה, אזוי איז דא אין אמעריקא, און אין ארץ ישראל, און איבעראל, ביי יעדן מיינונג, און ביי יעדן טריט און שריט.

## 7) שינויים

### היום אומר לו עשה כך" - ס"ג אמור תשכ"ז,

...אז מ'לאזט נאך און מ'קוקט זיך נישט אום... אויפהאלטן אידישקייט דארף מען זיך אומקוקן אין דער התחלה...

...אז ס'הייבט זיך אן צו ריקן, זאגט דאך די גמרא היום אומר לו עשה כך ומחר אומר לו עשה כך, אז ס'הייבט זיך אן צו ריקן, האט עס נישט קיין גבול בעוה"ר...

...די אלע וואס זענען ארויס, טאקע די אוכלי נבילות וטריפות, די האבן אויך געהאט טאטעס ערליכע אידן, און זיי זענען געווען אמאל גוט, נאר ס'האט זיך אפגעריקט, זיי זענען געגאנגען אויף אן אנדערן דרך 'אביסעלע נאָר', אזוי ביז ס'האט זיך געריקט, ביז ס'איז אויסגעקומען צו דעם...

...ער הייבט נישט אן אויפאמאל -דער יצה"ר- ער זאגט נאר א קלייניגקייט, אז ער איז שוין מיט דעם פארטיג, דאס איז שוין א היתר, קען ער שוין גיין אביסעלע ווייטער.. (ועי"ע לעיל מינאי המלך).

אז ס'ברענגט עבודה זרה, אויב ס'איז דא דערינען עפעס א תנועה פון לשם שמים, איז דאס נאך טויזענט מאל ארגער

### תרומה תשי"ז

אזוי ווי מען זעט דאך, ס'זענען אריינגעפאלן צדיקים, טאקע יהוא ובניו, ער האט געהאט מסירת נפש, ער האט אויסגעהרג'עט די אלע נביאי הבעל פון אחאב, ס'שטייט דער נביא האט אים געזאגט, און ער האט געפאלגט דעם נביא, און ער האט אונטערדיקט און מבער געווען אלעס, אבער חטאת ירבעם איז געבליבן, זאגט דער רד"ק ווייל דאס איז געווען לשם שמים געמאכט געווארן, האט ער זיך אין דעם טועה געווען...

און דעם וואס די תורה הקדושה האט גע'אסר'ט אז ס'ברענגט עבודה זרה, אויב ס'איז דא דערינען עפעס א תנועה פון לשם שמים, איז דאס נאך טויזענט מאל ארגער, ווייל דאס איז מחטיא די וועלט

ס'איז דאך עפעס א הפלא ופלא 'יהושע' האט געשיקט אידן דינען די עבודה זרה? ס'איז דאך נישט צו פארשטיין? זאגט דער בעל עקידה, וויל ער האט געזען אז ס'איז א שותפות ברויך איך נישט, זאלן זיי גיין צו דער עבודה זרה

לכאורה דארף מען נאך אלץ פארשטיין, אלץ איז דאך בעסער אז זיי ווערלן דינען דעם אייבירשטן אויך? זעט אויס אז ניין, ווייל דאס איז טאקע ארגער, וויבאלד ער שטעלט אריין עפעס א כבוד שמים, עפעס א כבוד אלוקי, א דבר טוב, אין דער עבודה זרה, אויף דעם טוט מען נישט קיין תשובה, דעס איז ממשיך דערנאך, דעס איז דאס ארגסטע.

ער (גחזי) האט אריינגעשטעלט א שם וואס האט געזאגט אנכי ה' אלוקיך, ח"ו נישט אויף זיך, ער האט געזאגט אנכי ה' אלוקיך, דער חטאת ירבעם האט מפרסם געווען דעם בורא כל עולמים, ס'האט דערמאנט אידן, ס'האט אריינגעברענגט אמונה אין אידן, זיי זאלן גלייבן 'אין באשעפער' אנכי ה' אלוקיך, אדרבה אלעס איז געווען בלתי לה' אנכי ה' אלוקיך, נאר וואס'זשע דען, דעס אליין, איז מען מחטיא את הרבים, אז מ'שטעלט אריין אין א חטאת ירבעם, דער ציט צי אידן צו אנכי ה' אלוקיך.

אזוי ווי דער שבתי צבי האט מחזיר בתשובה געווען

אלפים ורבבות מישראך און 'מיט דעם' האט ער מטעה געווען די וועלט, און צדיקים האבן געזען אז דאס איז נישט גוט, וואס ס'וועט זיך אויסלאזן פון דעם.

אזוי אז מ'שטעלט אריין עפעס א 'קדושה' מיט 'השגחה' אין אזא זאך וואס איז עבודה זרה, א זאך וואס ס'איז שנא ה', די זענען מחטיאים את הרבים, די זענען די ערגסטע.

דאס האט גחזי געטון, אז אין חטאת ירבעם האט ער אריינגעשטעלט א שם אז ס'זאל גאר שרייען אנכי ה' אלוקיך, א גרויס נס,מ'האט געזען ווי עפעס א עגל שרייט ס'איז מפרסם מ'זאל גלייבן אין באשעפער, ער ווייזט אזא נס, אז דעס האט געשריגן מ'זאל זיך דערמאנען אנכי ה' אלוקיך, מ'זאל זיך דערמאנען אז ס'איז דא א באשעפער, ממילא אז מ'האט געזען אזוינס אז דאס עגל באווייזט נסים, און ס'ציעט צו אידן מ'זאל גלייבן אין באשעפער, איז דאך יעדער נאכגעגאנגען, נאך דעם עגל פון חטאת ירבעם.

און דער סוף איז דאך חטאת ירבעם איז דאך חטאת ירבעם, דער בורא כל עולמים האט עס נישט געוואלט, ס'האט צוגעצויגן צו עבודה זרה, דאס איז געווען דער חטא פון גחזי, איבער דעם האט ער געזאגט ער קען שוין נישט תשובה טון, ער איז געווען א מחטיא את הרבים, אז ער האט אין חטאת ירבעם אריינגשטעלט 'אמונה' השגחה עליונה, ס'זאל שרייען אנכי ה' אלוקיך

### ס"ג אמור שנת תשכ"ז

די גמרא זאגט (שבת ק"ה ע"ב) כך דרכו של יצה"ר היום אומר לו עשה כך ומחר אומר לו עשה כך עד שיאמר לו לך עבוד ע"ז, איבערדעם אז מ'לאזט נאך און מ'קוקט זיך נישט אום, אויפהאלטן יודישקייט דארף מען זיך אומקוקן אין דער התחלה, אין דער התחלה פון קינדוויז אויף, טאקע ביי דיא וואס זיי גייען בדרך ה' דארטן דארף מען קלאפן די יסודות, ס'זאל זיין יודישקייט מ'זאל נישט קאנען אריינפאלן, אז ס'הייבט זיך אהן צו ריקן זאגט דאך די גמרא היום אומר לו עשה כך ומחר אומר לו עשה כך, אז ס'הייבט זיך אהן צו ריקן האט עס נישט קיין גבול בעוה"ר אזוי ווי מ'זעהט די אלע וואס זענען ארויס טאקע די אוכלי נבילות וטריפות, דיא האבן אויך געהאט טאטעס ערליכע יודען און זענען געווען אמאהל גוט, נאר ס'האט זיך אפגעריקט זענען געגאנגען אויף אן אנדערן דרך אביסעלע נאר, אזוי ביז ס'האט זיך געריקט ביז ס'איז אויסגעקומען צו דעם, איבערדעם זאגט די גמרא היום אומר לו עשה כך, ער הייבט נישט אהן אויפאמאל דער יצה"ר, ער זאגט נאר א קלייניקייט, אז ער איז שוין מיט דעם פארטיג דאס איז [שוין] א היתר, קען ער שוין גיין אביסעלע ווייטער, ממילא זאגט ער דאך יעדן טאג אן אנדער לשון, שפעטער ווען ער האט שוין אביסל אריינגעכאפט רעדט ער שוין מיט א שטארקערן טאן, ממילא אז מ'דארף קעגן יצה"ר, זה לעומת זה, ברויך מען דאך אויך רעדן אויף אן אנדערן אופן, דארף מען יעדן טאג אויף אן אנדערן אופן, יצרו של אדם מתגבר ומתחדש עליו בכל יום (סוכה נ"ב.) הייגט ברויך מען אזוי צו רעדן, און טאמער אז נישט, דעם אנדערן טאג, טאמער האט מען דורכגעלאזט א טאג מ'איז דורכגעגאנגען און מ'האט עהם נאכגעגעבן, דעם אנדערן טאג האט מען שוין עס שווערער, דארף מען שוין רעדן אויף אן אנדערע אויף א שטארקערע בחינה מ'זאל זיך מתגבר זיין, ווארן ער רעדט דאך אויך שוין מיט א שטארקערע בחינה, זה לעומת זה, ממילא איז דאס נישט איין אמירה, דורכן יצה"ר איז דאס אסאך אמירות, איבעראל וואו ס'שטייט כפול איז אפילו מאה פעמים, אזוי שטייט דאך (ב"מ ל"א.), דיא צוויי אמירות איז נישט טייטש צוויי מאהל, פונקט צוויי מאהל, דאס דארף מען כסדר זאגן. דעס זאגט דער מדרש זש"ה יום ליום יביע אומר, "היום" אומר לו עשה כך "ולמחר" אומר לו עשה כך, יעדער טאג האט פרישע ווערטער וואס מ'דארף צו רעדן, יעדער טאג ברענגט עפעס אנדערשט, מ'האט עס פריער נישט געדארפט צו זאגן און היצט ברויך מען עס יא זאגן.. • ... עכ"פ ממילא קומט אויס פון דעם פסוק [ובנבלתם לא תגעו שלמדו חז"ל שחייב אדם לטהר עצמו ברגל מערב החג] איז געדרינגען אז מ'דארף זיין פארזיכטיג מיט א טאג פריער, נישט נאר ווען מ'איז שוין מחוייב, איידער מ'איז מחוייב איז מען מחוייב מ'זאל זיין פארזיכטיג, און אזוי גייט אלדינגס, ווען מ'פאלט שוין אריין אין התחייבות, מ'דארף זיין פארזיכטיג. די זעלבע בחינה איז להזהיר גדולים על הקטנים, די קטנים זענען נאכנישט מחוייב במצות, נאר אז מ'פארלאזט זיי אבער ווען זענען קטנים, דערנאכדעם איז פארפאלן, כאפט מען זיך אריין, מ'מוז זיין פארזיכטיג, פון דעם פסוק פון אמור אל הכהנים, פון דעם אליין איז געדרינגען להזהיר גדולים על הקטנים אז מ'דארף זיין פארזיכטיג איידער מ'קומט לידי חיוב. ... זש"ה "יום ליום" יביע אומר, מ'דארף צו זיין מיט א טאג פריער נאך איידער מ'איז נאך מחוייב, מיט א טאג פריער דארף מען זיין פארזיכטיג אויף וואס ס'וועט זיך טוהן דעם אנדערן טאג, כאטשיג מ'דארף נישט קלערן האומר מה נאכל למחר הרי זה מקטני אמנה (סוטה מ"ח ע"ב), [אבער] ביי יודישקייט מוז מען טראכטן וואס ס'וועט זיין, וואס ס'וועט נאכקומען, אז נישט חלילה פאלט מען אריין, מוז מען זיין שטארק פארזיכטיג ...

## 8) פשרות

### "פשרות איז די גרעסטע נסיונות"
### דברות קודש מדרוש באסיפת התאחה"ר א' בא שנת תשי"ט

....נו ביי דער מכה [ארבה] איז געבוירן געווארן עפעס א נייעס, ביז היצט האט ער [פרעה] נישט געוואלט הערן גארנישט, און נאך דער התראה פון די מכת ארבה האט ער שוין געוואלט מאכן א פשר, מי ומי ההולכים, כ'וועל דיר עפעס געבן, מ'וועלמיר זיך פארגלייכן אויף עפעס פראצענט, איך וועל מיר אראפנעמען פראצענט, און עפעס וועל איך דיר געבן און עפעס מיר, מ'וועט זיך אויסגלייכן.

האט משה רבינו געציטערט, איי ווייי געוואלד ער וועט אנהייבן פשרות, מ'קען נאך חלילה אריינפאלן.

דער אייבירשטער האט אבער געהאלפן אז די פשרה איז געווען כאשר אשלח אתכם ואת "טפכם", די קינדער האט ער געוואלט האבן, אז ער וויל האלטן די קינדער, ער וויל געבן אן ערציאונג פאר קינדער, 'ער וועט גאר אויסהאלטן די קינדער' האט ער געזאגט, האט ער געשריגן אשלח אתכם "ואת טפכם", דעם חינוך הבנים, האט מען געוויסט אז דארט האבן זיך שוין יודען נישט געפאפט [לעשות פשרה. ומתחלה נתיירא משרע"ה] ווארן יודען וועלן שרייען געוואלד ער ( פרעה) וויל זיך פארגלייכן לאמיר זיך גלייכן, .. וויאזוי,

אז ער וויל זיך שוין אויסגלייכן, פאר דעם האט ער זייער געציטערט.

האט עהם דער בוכ"ע געזאגט כי אני הכבדתי את לבו, איך וועל מיך מיט עהם אן עצה געבן, איך וועל עהם אריינשיקן אזאלעכע פשרות אז יודען זאלן זעהן אז ס'איז גארנישט, ס'האט גענוצט פאר יענעם דור, הייגט נוצט גארנישט, וואס פאר א מין פשרה מ'קען מסמא עינים זיין, אז ס'האט נאר דעם נאמען "פשרה" ווערט מען שוין געכאפט און מ'ווערט שוין מיטגעריסן און מ'פאלט אריין.

### דברות קודש ס"ג בא שנת תשי"ט לפ"ק

....משה רבינו האט דא מורא געהאט צו גיין, ער (פרעה) האט אנגעהויבן אנצוטראגן פשרות, אזוי ווי איך האב געזאגט דיא וואך (ביום א' בא) ער האט אנגעהויבן צו זאגן מי ומי ההולכים, עפעס וועל איך יא שיקן נאר נישט יעדן, איז שוין א פשר, דארט קאן מען אריינגעכאפט ווערן, ווילאנג ער האט געזאגט ער וויל גארנישט קיין יודישקייט, דעמאלץ שטעלט מען זיך, און אן ערליכער יוד פאלט נישט אזוי אריין, אבער אז מ'הייבט אהן צו מאכן פשרות דאס איז די גרעסטע נסיונות, האט משה רבינו מורא געהאט צו גיין צו עהם, דער בוכ"ע האט געזאגט ניין זאלסט זיך נישט פארכטן "כי אני הכבדתי את לבו", איך האב דאס למען שיתי אותותי אלה בקרבו, און ס'וועט נישט קומען דערצו, ער וועט נישט מאכן קיין פשרות ס'וועט נישט זיין גארנישט דערפון, ער וועט נישט קאנען זיך האלטן דערביי, פאר עהם איז עס נאר אן הכבדת הלב, אבער ס'איז אלעס שקר אלעס ליגנט

## 9) גזירה על החינוך

### האיך להתנהג בגזירה על החינוך
### א' וישלח תשכ"ח במסיבה להחזקת הישיבה

יעקב אבינו האט דא געזען, אז מ'מוז רעדן מיט הכנעה, ס'איז דאך איינס פון די שבועות 'שלא ימרדו באומות', ס'איז דאך אלעס געווען אויף ל'דורות' אויסגעארבעט, דער רמב"ן הק' זאגט דאך, צו לערנען די קינדער אויף אלע דורות.

דער מדרש ברענגט דאך אלעס האט ער מתפלל געווען אויף לדורות.

אויף 'ביז ביאת המשיח' איז דאך דאס געווען, די גאנצע ארבעט וואס ער האט דא געהאט מיט עשיו'ן.

...ביי יעדער עשי' ביי יעדן טריט און שריט, דארף מען זיין ביי זיך צוברעכן, צוריקגעצויגן, בחינת גירות, מ'דארף נישט זיכן צו ווערן א שר וחשוב.

ס'קומט אבער אויס, אז ס'רירט אן אין די תורה הקדושה, טאר מען נישט נאכלאזן קיין קוצו של יו"ד, מען מוז זיך האלטן פעסט.

אז מ'וועט זיין א נכנע וואו ס'רירט אן אין די תורה הקדושה, איז נסיונות, פאלט מען פון אלעמען, דארטן מוז מען זיין ביי זיך 'דער שטארקסטער' דער בורא כל עולמים האט אזוי געהייסן, ביז אהין!

נישט פארקערט' זיי טייטשן דאך 'הלל' רשע על תאות נפשו, פאר די תאוות ווערט ער אן עניו אזוי ווי הלל, דארט ווערט ער אן עניו, אן אנדערס מאל האט ער גיאות.

אבער אן ערליכער איד טוט ער פונקט פארקערט, אז ס'קאן אנרירן אין די תורה הקדושה, דארט איז נישט פארהאדן, קאן ער נישט קוקן.

אברהם אבינו מ'האט אים געווארפן אין קאלעך אויוון, ער האט געזאגט אנכי עפר ואפר.

ווילאנג איז ער געווען עפר ואפר? ווילאנג ס'האט נישט אנגערירט אין דער 'אמונה', אז ער האט געוואלט פארשפרייטן 'אמונת הבורא' ברוך הוא, איז ער געווען, האט ער נישט געפרעגט נאך גארנישט.

....פארוואס האט ער געהייסן 'עברי'? איין פשט אין מדרש, די גאנצע וועלט איז געשטאנען אויף 'איין זייט', און ער איז געשטאנען אויף 'איין זייט.

...אז ס'רירט אן עפעס א זאך אין כבוד שמים, דארט פרעגט ער נישט נאך די גאנצע וועלט.

...יעדע זאך אז ס'קומט אים אויס אז ס'איז נוגע אין יסודות, א זאך וואס איז א 'רצון הבורא' ברוך הוא, שטעלט ער זיך ארויס! שטעלט ער זיך קעגן דער גאנצער וועלט!

יעקב אבינו האט אים געזאגט פאראויס, ער האט זיך מכניע געווען... האט ער אים געמוזט באמערקן, איך בין טאקע ווי א גר, ווילאנג בין איך א גר? ווילאנג בין איך אזוי אונטערטעניג? ווילאנג ס'רירט נישט אן אין קיום התורה והמצוות.

זאגט ער עם לבן גרתי, איך בין געווען אגר, נאר זאלסטו וויסן, אבער תרי"ג מצוות שמרתי, אז ס'קומט צו תרי"ג מצוות, אז ס'רירט אן אין 'שמירת התורה' בין איך נישט אזוי צובראכן, דארט בין איך פעסט!

אויף לדורות האט ער דא דורכגעזעצט א וועג

...אז מ'וויל פארשפרייטן אין דער וועלט אידישקייט, מגדל זיין קינדער, דאס טוט אים וויי, דארט לאזט ער זיך נישט.

ביי א אידישן חינוך וואס ס'זאל זיך ציען אידישקייט, דארט שטעלט ער זיך דער עיקר, דארט איז די גרעסטע מלחמה, א זאך וואס ס'קאן שאטן חלילה לדורות, אויף יסודות האמונה, מ'זאל מגדל זיין קינדער, און מגדל זיין תלמידים, וואס זיי קאנען פרשפרייטן אידישקייט, תורה וטהרה בישראל, דארט ליגט די גרעסטע מלחמה.

...טאמער וועסטו וועלן אנרירן מיך אין שמירת התורה והמצוות, אז דו וועסט וועלן חלילה גיין א וועג וואס עס נעמט צו 'תורה הקדושה מיט די 'מצוות' מיט 'אמונה' מיט 'גידול בנים צו אידישקייט' צו פארשפרייטן, דארטן וועל איך נישט זיין, זאג איך דיר פאראויס, וועל איך לוחם זיין כל מה שביכולתי ! איך וועל מיך נישט 'צוריקשרעקן'.

ער וועט אבער דאך קלערן ער וועט דאך פרובירן?!

...דער כלי יקר זאגט, די גרעסטע פליאה ביי די פרה אדומה איז, ס'איז מטהר טמאים און מטמא טהורים...זאגט ער דער כלל איז יעדע זאך ווערט נתפעל פון ההפכי, אז ס'באגעגנט א זאך דעם הפכיות ווערט עס שטארקער, ווארן ס'ווערט דעס התפעלות, פון הפכיות קומט דעס התפעלות, מים איז פון חסדים פון די קדושה, עפר איז דין, ממילא ביים טמא ווערט נתעורר דער כח המים, ווארן ס'איז די הפכיות פונעם טמא, איבערדעם איז עס מטהר, און ביים טהור איז דאך דער הפכיות דער כח העפר, איבערדעם איז עס מטמא טהורים.

...האט ער דאס מגלה געווען פאר עשיו, דו וועסט אפשר קלערן, איך בין טאקע נישט, איך בין נישט קיין שר וחשוב, וועסט דו דיך נעמען מיט מיר לוחם זיין פאר תרי"ג מצוות?!

זאלסט וויסן איך האב מקריב געווען א פרה אדומה, ווייס איך דעם סוד, אז וואו מער דו וועסט גיין וועל איך שטארקער ווערן, ווייס איך דעם סוד אז מ'ווערט נתפעל מן ההפכיות, ווארן דער סוד פון פרה אדומה איז דאך אז מ'ווערט נתפעל פונעם הפכיות, אז דו וועסט ווערן, דו וועסט ארויסווייזן אזא גרויס התנגדות, וועל איך מיך שטארקן, וועל איך שטארקער ווערן.

(לפי"ז כשיש גזירה הולכים יותר לחומרא וע"ע ויואל משה דלהחמיר לא שייך לומר שינוי)

...ביזט געווען נעבן לבן'ן, און ביזט נישט געווארן קיין שר וחשוב, און לבן איז געווען 'אזוי גרויס' און 'אזוי שטארק' ער האט געהאט אזויפיל חילות אונטער זיך, און דו ביסט געווען אזוי צובראכן, נו וויאזוי האסט דו ארויסגעהאלטן? זאלסטו וויסן, דערציילט איך דיר וויאזוי, איך האב מקריב געווען א פרה אדומה האב איך געוואוסט דעם סוד אז ווי מער דו וועסט דיך מתגבר זיין, וועל איך שטארקער ווערן.

האט ער אים פאראויס געווארנט, זאלסט וויסן, איך וויל, און איך גיי לבקש אהבתך, איך וויל שלום מיט דיר, נאר טאמער וועסט דו דיך אבער וועלן עפעס באררן א זאך פון דעם, זאלסטו וויסן וועל איך שטארקער ווערן פון דעם, דאס איז דער סוד פון פרה אדומה.

איבערדעם האט ער אים געזאגט, לא נעשיתי שר וחשוב, אבער פונדעסטוועגן תרי"ג מצוות שמרתי, צו דעם האב איך מיך מתגבר געווען, פון 'דעם' איז געקומען דעס התגברות

תוכן דערפון דאס איז דער בחינה, דאס איז דער תכלית, מ'ווארט מיר דער אייבישטער וועט העלפן, אידן וועלן געהאלפן ווערן, דעמלטס וועלן אין זיין ברום המעלה.

אויף ביז דערוויל, מ'איז אין גלות, דארף מען לעבן מיט הכנעה, ביז ס'קומט צו דער נקודה, אז ס'רירט אן אין תורה ומצוות, ברויך מען זיין, דארף מען זיין 'שטארק' כגבה, כארז, מ'דארף זיך האלטן 'פעסט' מיט דעם כח קאן מען זיך דערהאלטן.

און דער בכ"ע העלפט, ווי מער מ'איז זיך מתגבר, דארף דער כח הקדושה מער נתגבר ווערן, ברויך מען זיך 'פעסטער האלטן' אין קיום התורה והמצוות, און אין אלעמען.

מ'דארף צו וויסן, דער אייבישטער העלפט, וכי יש לי כל, מ'זאל זוכה זיין 'בזה ובבא' מ'זאל קאנען אויפהאלטן די אלע כוחות הקדושה, די אלע הרבצת תורה ויראה.

### מ'פארלייגט זיך אויף דעם חינוך פון אידישע קינדער בכל מקומות מושבותם - וארא תשי"ג

א פלא, ער ברענגט דער חיד"א אין חומת ענך, ברענגט ער א כתב יד פון רבינו אפרים....ס'שטייט הנני משליח בך את הערוב, ביי מכת ערוב שטייט משליח, משליח איז אותיות 'למשיח' דאס זעלבע וועט זיין בימי המשיח.

.... דער מדרש ילקוט ברענגט א טעם אויף מכת ערוב....וויל די מצריים האבן געוואלט זיין אומן פדגוג, ווי זיי טייטשן דעם פדגוג, אן אופציער פאר קינדער, זיי האבן געוואלט זיין די אופציערס פון אידישע קינדער, בניהם של ישראל האבן זיי געוואלט אופציען.

איבערדעם האט מען זיי געגעבן דעם עונש, ווען ס'איז געווען ערוב, דובים ואריות ונמרים, חיות רעות, ס'איז געווען א מצרי האט געגעבן דארטן צען קינדער פאר א איד ער זאל זיי פירן.... ווען ער איז צוריקגעקומען אליין אן די קינדער, האט ער אים געפרעגט וואו זענען זיי, האט ער אים געמאכט א חשבון, דעס האט צוגענומען דער ארי, דער דוב, די חיות רעות האבן צוגענומען די קינדער.

דאס איז געווען א מדה כנגד מדה, וויל זיי זיי האבן געוואלט אופציען אידישע קינדער.

....זעט אויס ס'איז געווען א נסיון, אידן האבן געוואלט האבן אידישע קינדער, אידן האבן געוואלט האבן א אידיש דור....ממילא האבן זיי געוואלט אופציען די קינדער אויף זייער גיסטע, און די מצריים האבן זיך פארלייגט.

דאס טרעפט מען דארט דאס ערשטע מאל, אז זיי האבן זיך פארלייגט, זיי האבן געוואלט זיין די מחנכים, די מחנכים פון ילדי בני ישראל. **אזוי ווי מ'זעהט דאס זענען די לעצטע נסיונות, דאס זענען די לעצטע נסיונות!**

מ'פארלייגט זיך אויפן חינוך פון אידישע קינדער! דאס איז די חיות פון אידן! תינוקות של בית רבן, דארט איז השראת השכינה! ..דארט ליגט דער כח פון אידן' וואס אידן האבן מסירת נפש אז מ'זאל האבן א אידיש דור!

דאס איז די השפעה, קודם די השפעה פון די עלטערן, אז מ'זאל זיך אזוי פירן אז ס'זאל בלייבן א רושם ניכר, און מ'זאל האבן דערויף מסירת נפש.

דאס איז אונז נאך עפעס געבליבן, דער כח פון די תינוקות של בית רבן!

דער כח פון אלסדינגס איז דאך שווכער געווארן, וואו איז דא די תורה, די עבודה, וואס איז געווען אין די פריערדיגע דורות?! דעס איז דאך זיכער נישטא.

נאר תינוקות של בית רבן, וויל ס'איז הבל פיהם שאין בהם חטא, דאס איז נישט גרויס דורכ'ן היכן דעת, ווארן זיי זענען דאך נאך קינדער, דאס איז נאר גרויס וויל די תורה איז א הבל פיהם שאין בהם חטא, דאס איז די זעלבע וואס ס'איז געווען פארצייטנס, דעס איינע וואס איז געבליבן פאר אידן!

בעוונינו הרבים 'דאס' פארלייגט מען זיך אויף אידן בכל מקומות מושבותם, בעוונינו הרבים.

'יעדער איז מחויב אויף דעם צו האבן 'מסירת נפש' און איינרייסן ב'תפילות ותחנונים'.

ס'שטייט אין ספר חסידים.. איבעראל 'יעדע זאך האט א שר, און אז ס'ווערט דארט א מכשול פאר אידן, איז מען מעביר דעם שר, פארוואס האסטו נישט מתפלל געווען צו הקדוש ברוך הוא.

איבערדעם זאגט ער, ווען מ'האט געזאגט כל הבן הילוד היאורה תשליכהו, האט דער שר פונעם יאור געדארפט מתפלל זיין צו הקדוש ברוך הוא מ'זאל מבטל זיין די גזירה, וויל ער האט נישט מתפלל געווען אויף דעם, איז ער נלקה געווארן.

בעוונינו הרבים האט מען זיך פארלייגט אויף אידישע קינדער, מ'האט זיך פארלייגט אויף אידישע קינדער בכל מקומות מושבותם, אזוי ווי מ'זעהט די גרויסע נסיונות אויף דעם חינוך, אויף וואו אידן זענען, וואו גרויס איז דער נסיון, וויפיל א איד מוטשעט זיך שוין דורך ביז מ'בלייבט עפעס ביי אידישקייט.

חס וחלילה אין דער צווייטער דור אז ס'וועט חלילה נישט זיין א ישועה פון הקדוש ברוך הוא, צו וועמען וועט משיח קומען?!

אז נישט היצט שוין, אם לא עכשיו אמתי?! לויט ווי בעוונינו הרבים מ'פארלייגט זיך אויפן 'חינוך'.

וואס ברויך מען נאך מער, מ'זאל זיך אומקוקן אין די גאנצע וועלט, יעדער איז מחויב, ווי דער ספר חסידים זאגט, מ'זאל מתפלל צו זיין, מסייע צו זיין מיט תפילות ותחנונים פאר הקדוש ברוך הוא.

איבערהויפט דארט וואו דער מקור הקדושה איז, האט מען זיך מער פארלייגט אויף אידישע קינדער.

בעוונינו הרבים, טאמער חלילה וועט נישט זיין א ישועה, וואס וועט זיך טון אינעם שפעטערן דור.

## 10) סמיות עינים

### עי' על הגאולה בסוף הספר סי' קכ"ג-קכ"ד

ווען א מענטש באקומט עפעס א תועלת פון כבוד אדער געלט וכדומה, איז נישט קיין חידוש אז מ'טוט זאכן קעגן דעם שכל, וויל ער ווערט משוחד, וואס מאכט בלינד די אויגן, אז מ'זאל נישט זעהן און פארשטיין גארנישט, אבער מ'זעהט אסאך אידן וואס טוישן אויף דעם כבוד פון אייבירשטן כאטשיק זיי באקומען נישט קיין שום תועלת דערפון, פונדעסטוועגן פאלן זיי אריין צו דיעות זרות אקעגן מענטשליכן שכל, מוז זיין אז דאס איז נאר וועגן דער ס"מ וואס ברענגט אריין אין זיי א רוח שטות.

און מלאך מיכאל נוצט דאס פאר א מליצה ישרה אז פון דעם וואס עס איז ממש נישט פארשטענדליך זייער קלקלה, איז א ראי' אז עס קומט פון דעם כח פונעם שטן וואס ברענגט אריין א רוח שטות, און מ'דארף זיי דן זיין ווי קטנים אז עס זאל זיי העלפן תשובה זיך צוריקצוקערן צום אייבירשטן.

און וועגן זאגט רש"י אז מ'דארף זיך זייער שטארק מתבונן זיין אין דעם גוט אריינצוקוקן אין דער זאך, וויל מ'דארף זיך מתבונן זיין מיטן שכל אז עס איז ממש קעגן דעם שכל, אלא מאי מוז זיין אז עס איז נאר מיטן כח פון ס"מ און דאס איז די מליצה ישרה פון מלאך מיכאל.

ווי קאן דאס זיין אז מענטשן שומרי תורה ומצוות וואס האבן ביז היינט אנערקענט די טומאת הציונות אז אלע אירע מעשים זענען מעשה שטן מסית ומדיח צו זיין פילע אידן, און פלוצלינג ווערן זיי אינגאנצן איבערגעדרייט און רעדן פונקט ווי ציונים מובהקים, און ווערן נתפעל פון הצלחת הרשעים אפי' ווען ס'איז נוגע צו עיקרי האמונה.

און אין ביהמ"ד שרייט ער הויך דעם פסוק 'איש בער לא ידע וכסיל לא יבין את זאת בפרוח רשעים וגו' להגיד כי ישר ה' וגו', און ער פילט נישט אז ער אליין איז פון די כסילים מיטן פולן זין פון ווארט, נתפעל צו ווערן פון די הצלחת הרשעים.

פארזעצונג פון זייט 7

'רעגירונגס סיסטעם', ווי 'קאנגרעס' 'סענאט' און 'סופרים קארט' וכדומה. אזוי אויך האט מען געלערנט אונטערן נאמען פון "דזשיאגראפי" א ביסל איבער די אויסשטעל פון די לענדער אין די וועלטס מאפע, די וואסערן, מדבריות, און דאס גלייכן.

דאס איז מער ווייניגער די גאנצע וואס מען האט געלערנט מיט זיי פון די טעמעס, אן אריינגיין אין די הונדערטער פרטים וויאזוי מען האט געלערנט אט די טעמעס אפילו אין די אמאליגע פובליק שולעס, און אויך מיט א קפידה גדולה נישט אריינצוברענגען קיין שום באזונדערע געשמאק אין אט די לימודים, ווי הרה"ח ר' בנימין הערש בערקאוויטש ז"ל איז מעיד וואס מרן רבינו הק' זי"ע האט איהם אנגעזאגט דערוועגן.

אט דאס אלעס איז אויך אדורכגעגאנגען גאר א שטרענגן צענזור אויסצורייניגן די אינהאלט נישט בלויז פון יעדע זכר וואס קען ח"ו אנרירן דיעות כוזבות אדער ידיעות הטומאה, נאר אויך פון יעדע שמץ ושמצה פון סיי וועלכע גויאישע אידעלאגיעס, גויאישע קולטורן, גויאישע באגריפן, די גויאישע לעבנס שטייגער, און אלעס ענליכס, ווי מען קען דאס זעהן אין דעם היסטארישן בריוו פון הגאון ר' מאיר וועבערמאן ז"ל וואס איז דא אראפגעברענגט. - און אפילו דאס האט מען נאר מתיר געווען אויסדריקליך בלויז ביי מיידלעך.

עס איז כדאי צו באטאנען אז לויט ווי מען זעהט אין דעם ענגלישן ביכל פון ר' הערץ פרענקעל, דער ענגלישער פרינציפעל אין די סאטמארע בית רחל שולע, האט מען די גאנצע זאך פון "היסטאריע" הערשט אנגעהויבן צו לערנען דייקא אין די עלטערע היי סקול קלאסן, ווען מען האט געמוזט מאכן א באדייטענדע פראגראם פאר לימודי חול אז כדי די מיידלעך פון מער בעלי בתישע שטובער זאלן זיין צופרידן און זיי זאלן נישט שיקן קיין 'בית יעקב' וכדו', און פון די אנדערע זייט האט דער רבי זי"ע נישט געוואלט מוותר זיין אויף קיין שום יסודות, און ער שרייבט אז ער האט זיך געפלאגט א לאנגע צייט מיט הרה"ח ר' ליפא פריעדמאן ז"ל, דער מנהל כללי פון די סאטמארע מוסדות, מיט א טעלגיכע התיעצות מיט רביה"ק זי"ע, און אין צוגאב צו דאס וואס מען האט געלערנט אין די אינגערע עלעמענטרי קלאסן די סובדזשעקטס ווי ענגליש ליטעראטור, האט מען צוגעלייגט אין די היי סקול, בלויז די פאלגענדע סובדזשעקטס: ביזנעס רעכענען (דאס איז וויאזוי מען רעכנט אין פראקטישן טעגליכן ביזנעס באנוץ, טשעקס, באנק סטעיטמענטס, און ענליכס) - טייפינג - ביזנעס ענגליש (אריינגערעכנט ספעלינג מיט גרעמער) - און היסטאריע. הערשט אין די שפעטערדיגע יארן האט מען אויך צוגעלייגט "בוקקיפינג", אבער נישט מער.

עס איז נישט דא די ווערטער גענוג ארויסצוברענגען ווי ווייט פון הימל און ערד איז דאס קעגן דער מציאות פון "סאשעל סטודיס" וואס ווערט היינט פארלאנגט געזעצליך צו לערנען אין ניו יארק, סיי אינעם 'כמות' און סיי אינעם 'איכות', פון לערנען איבער 'אידעלאגיעס' און 'באגריפן', די 'סיבות' פון היסטארישע וועלטליכע אנטוויקלונגען, 'עקאנאמישע' סיסטעמען, 'פאליטישע' סיסטעמען, 'גויאישע פיגורן', און נאך אומצאליגע גויאישע ידיעות ועוד ועוד, ובתוכם אויך איבער די פארשידנארטיגע קולטורן פעלקער כפירות און רעליגיעס רח"ל (וואס די דאזיגע ענינים קען מען נאך אפשר לעגאל באקעמפן פיל גרינגער, אויב מען וועט קלאר אויפווייזן אז על פי תורה טאר מען דאס בשום אופן נישט לערנען, וואס ליידער האט דאס נאך קיינער נישט געטאן, און אודאי מאכט דאס גאר שווערער צו באקעמפן אויב מען שטעלט זיך אפיציעל צוזאם פאר די רעגירונג באאמטע אדער אין די געריכטן מיט טריפה'נע ישיבות און מוסדות כלאים וואס זענען זיך מורה היתר בחמורות שבחמורות צו לערנען ענינים פון כפירות ומינות און נאך אנדערע זאכן וואס לפי דעת הפוסקים איז דאס ממש ביהרג ואל יעבור, ווי צום ביישפיל די וואס נעמען די טמא'נע כפיהרה'דיגע רידזשענט טעסטס און די וואס לערנען פילע אנדערע גאר שעדליכע קאלעדזש לימודים, וואס אליבא דאמת אלץ מצות קידוש השם וואלט מען אפילו בשנים כתיקונם געדארפט גאר מפרסם זיין לפני השרים והגוים אז אונז האבן ח"ו נישט די מינדעסטע שייכות מיט זיי און אונז זענען מוחה דערויף בכל התוקף - און דער צוזאמשטעל זעלבסט אינאיינעם מיט די געברויך פון חנופה צו זיי דאס איז אליינס גורם אז מען זאל נישט קלאר מודיע זיין פאר די רעגירונג אז דאס און אלעס ענליכס איז אסור על פי דת תורתינו הקדושה, און אז אונז וועלן ח"ו בשו"א נישט לאזן אונזערע קינדער לערנען דאס מינדעסטע וואס האט א צד שייכות מיט אזעלכע סארט ענינים לא מיניה ולא מקצתו). - דאס אלעס און נאך שעדליכקייטן דערין, ווערט פארלאנגט דורך די עדיוקעישאן דעפארטמענט מיט א שטארקע דגוש אז אלעס זאל דאס קינד זעלבסט אנאליזירן, אינאיינעם מיט די פילע שעדליכע כללים ופרטים פון כראנאלאגיקל ריזאנינג, די פילע שעדליכע כללים ופרטים פון דזשיאגראפיק ריזאנינג, קאנעקטן צו זיך, זאגן מיינונגען, אויפבויען אינעם קינד אינטולעקטאלע סקילס, און נאך און נאך גאר שעדליכע באגריפן.

און אויף דעם אלעם שרייבט די עדיוקעישאן דעפארטמענט אז נאכצוקומען די פארלאנג פון סובסטענשאלי עקווילענט, כאטש וואס מען דארף נישט לערנען גענוי די זעלבע לימודים ווי די פובליק סקול אין יענע געגנט (וואס אליבא דאמת מוז איין פובליק סקול אויך נישט זיין גלייך צו די אנדערע מיט דעם זעלבן פונקטליכן תוכן הלימודים, עס מוז נאר זיין פולשטענדיג גלייך אין מהות), אבער זיי שרייבן קלאר ארויס "אומצוויידייטיג" אז מען מוז דאס דאס אלעס לערנען מיט די זעלבע "טיפקייט און ברייטקייט" גענוי ווי אין די פובליק סקולס, רחמנא לצלן, דאס הייסט סיי בכמות און סיי באיכות, און אויך אז מען מוז ווערן איבערצייגט וויאזוי די קינדער שטייגן אין דעם אלעם "אקעדעמיש" פון יאר צו יאר. ■

## ככלות השבעה להסתלקותו של האי גברא רבא הרה"צ חו"פ רבי חנני' יוסף עקיבא ראבינאוויטש בהרה"צ רבי בנימין זצ"ל האדמו"ר מפאריסוב

ברענגען מיר דא זיין לעצטע בריוו וואס ער האט געשריבן עלי אדמות, ערבי פסחים דהאי שתא - נאך דעם תקופה פונעם פעטוועי שערורי', איבער די שרעקליכע סכנה פון נעמען געלט פון די רעגירונג אין אמעריקע בשעת הגזירה, און דער געוואלדיגער חיוב מחנך צו זיין אין מוסדות על טהרת הקודש

בעזהשי"ת

# מכתבו האחרונה

## עלי אדמות

## של כ"ק מרן אדמו"ר מ'פאריסאב זצוק"ל

## חובת השעה בעת גזירת החינוך בארצות הגולה

בס"ד

ג' ניסן תשפ"ד

**דברי הרבנים הגאוה"צ שליט"א, אודות איסור קבלת תמיכות השלטונות דשם עבור מוסדות התורה והחינוך הם פשוטים וברורים**. וכמו שאאמו"ר הגה"ק זצוק"ל היה משנן דברי הגה"ק ר"מ קליערס זצוק"ל, **שכשלוקחים כסף זה גורם שמעצמם ירוצו למלאות רצונם חלילה.**

**וק"ו בזמנינו בארצות הגולה שהחינוך בסכנה נוראה, וגוים וזדים מתערבים והוגים דיעות בחינוך, וכל היהדות ועתיד הדורות בסכנה ח"ו, וודאי שרבותינו הק' זי"ע היו מורים;**

**להוציא את הילדים מהמוסדות שלוקחים מכספי השלטון, ולהכניס במוסדות על טהרת הקודש שאינם נהנים ממקורות זרים**

**וודאי שכל אחד ואחד חייב לעשות כל מה שביכולתו לתמוך ולהחזיק במוסדות על טהרת הקודש, שהיא קיום התורה והצלת היהדות.**

ולשומעים יונעם ויתברכו ממקור הברכות, ונזכה לביאת גואל צדק בב"א.

חי' עקיבא רבינוביץ

אויב ווילט איר ערהאלטן דעם גליון וועכענטליך אויף פאסט רופט: 845-237-4779 - צו באקומען אויף בליץ-פאסט שיקט א אימעיל: Doroiseiny@gmail.com